*Compliments of*

**MORRIS PERLOW**

**Wholesale Produce**

9 Duncan Avenue Providence, R. I.

---

*Compliments of*

**NATHAN DWARES**

---

*Compliments of*

**MRS. RONDINE**

**JO-ETT BEAUTY SHOPPE**

793 Hope Street

---

*Compliments of*

**The New Siegal East Side Meat Market**

**כשר**

746 Hope Street Tel. ANgell 0500

*Prompt Delivery*

---

*Compliments of*

**ARTHUR EINSTEIN**

---

*Compliments of*

**DR. LOUIS I. KRAMER**

---

Telephone GAspee 9664

**LOUIS SHAW — *Realtor***

**MORTGAGES — INSURANCE**

111 Westminster Street Providence, R. I.

Room 419, New Industrial Trust Bldg.

---

**H. JAMPOLSKY**

**PAINTING, PAPER HANGING AND GENERAL CONTRACTING**

---

*Compliments of*

**HIGH GRADE BAKERY**

---

*Compliments of*

**NEW YORK BAKERY**

---

Joe Cohen Max Pollack

**JOMAX (The Bright Spot)**

**The First and Only Kosher, Delicatessen, Luncheonette and Spa Combination South Providence Has Ever Had**

*Lending Library*

---

**Compliments of N. B.**

**PUBLIC FRUIT STORE**

**For Best Fruits and Vegetables Call ANgell 5360**

750 Hope Street — *Prompt Delivery*

*Compliments of*

**CAMEO CLOAK MFG. CO.**

*Compliments of*

**FRANK'S BEAUTY SHOPPE**

290 Westminster Street

Telephone GAspee 2630

Thomas E. O'Donnell, *President* — John F. O'Donnell, *Treasurer*

**O'DONNELL & CO., Inc.**

**INSURANCE**
**OF ALL KINDS**

1419 INDUSTRIAL TRUST BUILDING
111 WESTMINSTER STREET
PROVIDENCE, R. I.

Established by Thomas E. O'Donnell in 1894

**American Auto Supply Company**

LOUIS BELILOVE

**The Best Place to Buy Your**
**FUELS AND SUPPLIES**

91 FOUNTAIN STREET

*Compliments of*

**R. I. SHELL FISH CO.**

**MAX SALK**

**FASHIONABLE CUSTOM TAILOR**

529½ PRAIRIE AVENUE — PROVIDENCE, R. I.

Telephone DExter 8048

*Compliments of*

**NATHAN PERLOW**

*Compliments of*

DR. B. FEINBERG

*Compliments of*

H. BAXT

ROSS LAUNDRY SERVICE

Tel. BRoad 8361-W

WET WASH — FAMILY FINISHED — THRIFTY

FLAT WORK — ALL PRESSED

Sheets Finished 10c Extra

SAMUEL P. HARRIS, Inc.

Jewelers' Cards - Jewelers' Designs

Commercial Printing

Stationery

183 PUBLIC STREET PROVIDENCE, R. I.

Phone DExter 7750

*Compliments of*

J. Ernstof

REAL ESTATE — MORTGAGES

INSURANCE OF ALL KINDS

94 Dorrance St., Providence, R. I.

Fain's INC.

Floor Coverings and Window Shades

Linoleums and Carpets

126 NORTH MAIN STREET PROVIDENCE, R. I.

Telephone DExter 5260

*Compliments of*

NEW VERMONT CREAMERY

HEAVY CREAM

CREAM CHEESE AND BUTTER

BRoad 6012

## . . . To Our Advertisers . . .

who have so generously contributed to the success
of the Journal
the committee expresses its deepest gratitude
and appreciation

*The readers are requested to peruse the advertising pages in order to acquaint themselves with the concerns advertising in this book*

## זייט איר אַ חבר אין פערבאנד? אויב ניט — ווארום ניט?

---

דער פארבאנד איז א זיכערער אידישער קאאפעראטיווער ארבעטער ארדן

דער פארבאנד גיט זיינע מיטגלידער די בעסטע פארזיכערונג פאר די מינימאלסטע קאסטן:
פאליסים ביז $3,000 פאר'ן גאנצן לעבן, 15 און 20 יארינע פאליסים און 10, 15 און
20 יאר ענדאומענט.

דער פארבאנד גיט זיינע מיטגלידער קראנקען־בענעפיט 20 דאלער א וואך, געצאלט 24 וואכן
אין יאר; עקסטרא הונדערט דאלער קאנסאמפשאן בענעפיט.

דער פארבאנד גרינדעט און האלט אויס אידישע פאלקסשולן אין פילע שטעט.

דער פארבאנד העלפט דער ארבעטער־באוועגונג אין דער גאנצער וועלט.

דער פארבאנד איז סאלידאריש פארבונדן מיט דער אידישער ארבעטער באוועגונג אין ארץ־
ישראל און העלפט אין איר וואוקס און אנטוויקלונג.

דער פארבאנד גרינדעט באזונדערע פרויען־קלובן פאר דער נאציאנאל־פראגרעסיווער
אידישער פרוי.

דער פארבאנד איז פינאנציעל דער זיכערסטער אידישער ארבעטער ארדן אין אמעריקא.

## שליסט זיך אָן אין פאַרבאַנד

---

פאר מער אינפארמאציע ווענדט זיך:

**JEWISH NATIONAL WORKERS' ALLIANCE**

**13 Balcom Street, Providence, R. I.**

---

# *Thrif-T Service is DOUBLE THRIFTY Now*

**Men's Shirts Are Returned Finished — Ready to Wear**
**At Only 10c Additional Charge!**

***You Have Only a Few Pieces of Wearing Apparel and Handkerchiefs to Iron***

**BLANKETS — LACE CURTAINS**
**WASHABLE RUGS**

Send them in NOW and get an early start on your spring cleaning.

**Phone Us Tomorrow!**

Don't let another week go by without becoming acquainted with the wonderful help we can give you in our economical THRIF-T SERVICE

DExter 0407

# AMERICAN HAND LAUNDRY

DExter 0407

## ARTHUR L. BOTTOMLEY

**Insurance**

623 Industrial Trust Bldg. Providence, R. I.
Telephone DExter 5374

---

*Compliments of*

**ABORN LUNCH**

---

*Compliments of*

**Mr. and Mrs. Max Siegal**

---

*Best Wishes for the Success of the Campaign . .*

**A Friend, M. B.**

---

*Compliments of*

**MORRIS ADELMAN**

LIVE POULTRY

12 Shawmut Street

---

## וויטינג מילך קאמפאניעס

מאכט בעקאנט צו אלע פראווידענסער אידען
אז אונזער מילך איז

## כשר לפסח

**און טראגט דעם הכשר פון**
**א רב**

---

## WHITING MILK COMPANIES

Telephone GAspee 5363

*We Are Prepared to Deliver*

**KOSHER MILK FOR PASSOVER**

**We Specialize in**
**GRADE A AND GRADE B MILK**
**Also Cream and Kosher Sweet Butter**

## Keystone State Oil Company

**FURNACE OILS**

*For Every Make of Burner*

**Keystone Motor Gasoline**
**Keystone High Test Kant-Nock Gasoline**
**Keystone Ethyl Gasoline**
**Kerosene — 100% Pennsylvania Motor Oils — Greases**

R. I. Distributors

QUAKER STATE TRADE MARK OILS AND GREASES

**Filling Station at Memorial Square**
(Formerly Post Office Square)

OFFICE AND PLANT — 204 KINSLEY AVENUE

DExter 0230

## Union Charcoal Company

*Dealers in All Sizes*

**ANTHRACITE COALS**

Scranton, Jeddo Lehigh, Reading, Lehigh and Wilkesbarre
Lykens Valley Franklin, Franklin Briquets

**New River and Pocahontas Bituminous**
**Providence Domestic Coke Hardwood Charcoal**
**Bag Coal and Wood**

OFFICE AND PLANT — 204 KINSLEY AVENUE
DExter 4940



***You can't help dancing . . .***
**to**

## AL ROSEN
**and his**
**NEWPORT SOCIETY ORCHESTRA**

21 CROYLAND ROAD BRoad 7991-J
*Weddings — Banquets — Dances*

## SAMUEL WEXLER

**AUTOMOBILE PAINTING**

441 HUNTINGTON AVE. PROVIDENCE, R. I.
Telephone WEst 2301

## PLATE AND WINDOW GLASS

***For Every Purpose***

**SUPERIOR GLASS COMPANY**
34 CHARLES STREET

SAMUEL TENNENBAUM, *Proprietor*

## A. B. MUNROE

*Wishes to Announce That They Will Have*

**KOSHER MILK FOR PASSOVER**

*With the Hechsher of*
RABBI DAVID H. BACHRACH

**A. B. MUNROE**
102 SUMMIT STREET

Telephone EAst Providence 2091

## א. ב. מאנרא

מאכט בעקאנט צו אלע פראווידענסער אידען
אז אונזער מילך איז

## כשר לפסח

און טראגט דעם הכשר פון
הרב ר׳ חיים דוד בכרך

## GEO. T. CHAMBERS

97 ATLANTIC AVENUE
Telephone BRoad 6861-M

Announces To His Trade That He Is Ready
To Deliver

**Kosher Milk for Passover**

***Produced Under Supervision***
***of a***
***Providence Rabbi***

*Drink and Enjoy . . .*

## SHILOH CLUB BEVERAGES

**The Taste Tells The Tale**

ITS SUPERIOR QUALITY
WILL APPEAL TO YOU

**Shiloh Bottling Co., Inc.**
Providence, Rhode Island

*Makers of*
**LA SALLE GINGER ALE**

## נעקראלאג

בײ דער ארבעט פארטון,
מיט'ן פרעס־אײזען אין האנט,
פלעגט ער דאך טרוימען
פונם אידישען לאנד.

סײ זומער, סײ װינטער,
יעדען טאג פון זײן לעבען,
פרעליך און מונטער,
כסדר אלץ שטרעבען.

די ארבעטער מאסען
פון זײער נוים באפרײען,
און דאס אידישע פאלק
אין זײן לאנד באנײען.

אימער האט זײן הארץ
צו דעם לאנד געצװיגען,
און געהאט האט ער די זכיה
צו זעהן עס מיט זײנע אויגען.

געקומען פון דארט
באגײסטערט זעהר פיעל,
געהאפט און געשטרעבט
צו דערגרײכען זײן ציעל.

דארט צו װערען
א שטענדיגער תושב,
זיך באזעצען
אין א קבוצה — א מושב.

נישט ערפולט זײנען געװארען
זײנע פארלאנגען,
װײל דער טויט האט אים
פארכאפט אין זײנע צװאנגען.

פריה, פאר דער צײט,
האבען מיר אים פארלוירען,
דעם בעסטען חבר און פרײנד
אין אים אנגעװאוירען.

איצט װען זײן נשמה
טוהט אין די הימלען שװעבען,
װעלען מיר װײטער
זײן חלום װעבען.

ביז דאס לאנד
װעט געבויט װערען,
און דאס פאלק װעט זיך
צו זײן הײם אומקערען.

פארשװינדען װעט די נויט,
און אפגעװישט די טרערען.

שלמה לײטמאן.

---

## צװײ אויסשטעלונגען

### װעלכע האבען פארשאפט א גײסטיגען פארגעניגען:

---

דאס אײנציגע װאס קען נאך הײנט צו טאג פאראײניגען אלע מענטשען, אהן שנאה און קנאה, איז קונסט.

דאס אײנציגע װאס קען נאך פאראײניגען אלע שיכטען אין אידענטום, און זײ צוזאמענברײנגען אונטער אײן דאך, איז קונסט.

און דאס האט טאקע באװיזען די לעצטע צװײ אויסשטעלונגען, װעלכע מיר האבען געהאט בײ אונז.

די ערשטע איז געװען די „בילדער" פון דעם באװאוסטען אידישען מאלער ש. ראסקין, אין טעמפעל עמנואל; און די צװײטע, פון דעם באװאוסטען גרויסען קינסטלער פראפעסאר באריס שאץ, גרינדער פון דער בצלאל קונסט־שולע אין ירושלים, און פון זײן באגאבטען יונגען זוהן בצלאל שאץ, אין טעמפעל בית־אל.

בײדע אויסשטעלונגען זײנען באזוכט געװארען פון אלערלײ קלאסען אידען און פון א גרויסער צאל ניט אידען, נאר װעלכע אינ־טערעסירען זיך מיט קונסט.

איך גלויב, אז עס איז דאס ערשטע מאל בײ אונז אין שטאדט װאס אזא גרויסע צאל אידען האבען באזוכט קונסט אויסשטעלונגען און זיך פאראינטערעסירט מיט קונסט.

א דאנק האבען כשר פארדינט ראבי י. מ. גאלדמאן און זײן קא־מיטע פאר ארױפברענגען ראסקינען, און מרס. מערי ל. מיער מיט איר קאמיטע פאר ברענגען פראפ. שאץ — זײ האבען באמת פארשאפט א גײסטיגען פארגעניגען צו די באזוכער — און פאר דעם באקענען דאס אידישע פובליקום מיט קונסט בכלל, און אידישע קונסט בפרט.

די װעלכע ארבעטען פאר א נײעם ארץ־ישראל דארפען זײ אודאי דאנקבאר זײן, װײל די גרעסטע צאל פון די בילדער זײנען געװען פון דעם לעבען אין פאלעסטינע. מיר האבען געזעהן דאס אלטע לעבען און אויך פון דעם נײעם לעבען (אביסעל צו װעניג). מענטשען װעלכע האבען זיך קײנמאל ניט געװאלט פארטראכטען װעגען דעם נײעם לעבען װאס װערט געשאפען אויף אלערלײ געבי־טען — קונסט אריינגערעכענט — אין ארץ־ישראל, קוקענדיג אויף די בילדער, האבען זײ זיך געמוזט פארטראכטען (אויב זײ זײנען נאר געװען ערליך צו זיך זעלבסט), און האבען געמוזט אנערקענען, אז ס'װערט געשאפען א נײער לעבען — קונסט אריינגערעכענט.

יא, בײדע קאמיטעען פארדינען א יישר־כח.

א. ב.

---

## דער איד, זײן ליד איצט זינגט

**דער איד —**

עס ארט אים ניט דער שטורם װינט,
עס שרעקט אים ניט די נאכט,
ער יאגט ארום און װערט ניט מיד
און שטענדיק זינגט ער זיך א ליד; —
פון װײ, פון לײד, ער לאכט.

**זײן ליד —**

אין גלות בין איך שוין פון לאנג,
דאך פרעמד איז ניט דאס לאנט,
װאו כ'האב אמאל אין יוגנטס בליה
פארבראכט די צײט, געפאשעט פיה; —
יא, אלץ איז מיר באקאנט.

**איצט זינגט —**

מײן איכה ליד געדענק איך נים;
מײן שטים איז פון א ריז!
חלוצים זײנען אויפ'ן לאנט
און בויען מיט א שטארקער האנט;
דער איר א נײער איז!

משה מרגלית.

## אַ קליין בריוועל צום שרייבער פון גרויסען בריוו.

ליבער פריינד:

ערשטענס, קום איך אייך געבען אַ יישר כח פאַר אייערע יאָר־ליכע „בריעף צו אַ פריינד“, וועלכע זיינען פול מיט מעדיציניזשע אונ־טערזוכונגען פון אַלע אונזערע אינסטיטושאַנס ביי אונז אין שטעדטעל. איר זענט אפשר דער איינציגער וואָס ווייסט פון אַלע זייערע חולאת'ן ר"ל, און די פּאַרציע וואָס איר גיט זיי יעדער יאָר קאָן זיי קלעקען דורכ־צושלעפּען ביז צום צווייטען יאָר, אַריינצוקריגען אַ נייע פּאַרציע.

אָבער, פריינד מיינער, ווי קומט עס וואָס איר פאַרגעסט אין אייער גאָר נאָהענטע קרובים? גלויבט איר אַז זיי זיינען געזונט אויף אַלע אברים? נעמט, למשל, אייער לייבליכען ברודער „פּועלי־ציון“. זעהט איר דען נישט אַז ער ליידעט נעבאך פון דער באַוואוסטער קרענק „התבודדות“? זיך אָפּגעשלאָסען אין דלת־אמות, פאַרמאַכט זיך אין אַ קלייזעל פּינקטליך אַ מנין, און פּראַוועט „יחידות“. וואָלט דען נישט געווען געזונטער אויפצועפענען די טירען כדי אויך אַ מתנגד זאָל קאָנען אַריינשמעקען? און, גלויבט מיר, עס וואָלט פון פילע מתנגדים געוואָרען אמת'ע חסידים. עס איז געווען אַ צייט ווען אויך אייער צווייטער ברודער, דער „פּאַרבאַנד“, האָט געליטען פון דעם זעלבען קראַנקהייט, פונדעסטוועגען, זינט ער האָט אַריינגעקראָגען אביסעל פרישע בלוט, האָט ער גאָר באַקומען פרישע כחות, און ער הויבט ערשט אָן אויפצולעבען. אמת, עס פעהלט איהם נאָך גענוג זיך צו קאָנען שטעלען ריכטיג אויף די פיס און זיך לאָזען הערען, אָבער פונ'ם ליטאַרגישען שלאָף האָט ער שוין ערוואַכט.

און איצט וועגען אייער אינגער שוועסטער, „די פרויען פּיאָנערען“. ס'איז טאַקע אמת, זי איז נאָך זעהר יונג און אַרבעט נעבאך שווער צו מאַכען אַ לעבען, אָבער וואָלט דען נישט געווען שעהנער פאַר איר, זי זאָל נישט נאָכמאַכען אירע שכנות? מוז זי טאַקע יעדעס יאָר טאַנצען און זיך נעבאך אַרויסשלאָגען פון די כחות, קיין נדן דערפון וועט זי דאָך במילא נישט אָפּשפּאָרען, וואָלט דען נישט געווען שעהנער פאַר אַ אידישע טאָכטער אַריינצוקוקען אין דער „צאינה־וראינה“; איך מיין, עפּעס הערען אַ אידיש וואָרט, אָדער אַ אידיש ליעדעל — אַ קאָנצערט, מיין איך. און גלויבט מיר, מ'קאָן גאָר נישט וויסען, מ'קאָן דערביי אמאָל גרינגער פאַרדינען אַ פּאָר טאָלער. ווי זאָגט די וועלט: „תורה איז פאָרט די בעסטע סחורה“.

אַקעגען וואָס איך שרייב אייך דאָס אַלעס? איר ווייסט דאָך, איך אַליין בין דאָך אויך אַ שטיקעל קרוב, וואָלט איך זיי געוואָלט זעהן אויף אַ גוטען מעמד, געזונט און שטאַרק.

האָט נישט קיין פאַראיבל פאַר'ן שרייבען,

אייער פריינד,

**ש. לייטמאַן.**

---

## אַ ענטפער אויף אַ פריינדליך בריוועל.

ליבער פדיינד:

**איר האָט טענות צו מיר וואָרום איך שאָנעווע אייגענע. ניין, איך האַלט דוקא יאָ פון דעם „קשוט עצמך“ . . . אָבער טשעפּען זיך אומ־זיסט, נאָר דערפאַר ווייל זיי זיינען אייגענע, גלויב איך אַז מ'דאַרף ניט.**

**איר האָט טענות, די פּועלי־ציון פּראַוועז „התבודדות“, און דאַ־רום זיינען זיי קליין אין צאָל. דאָס ערשטע, פון ווען אָן איז התבודדות אַ חולאת, ווי איר דופט דאָס? פאַרקעדט, פונקט ווי דער יחיד, אַזוי דאַרף אַ פּאַרטיי האָבען דוקא „התבודדות“, אויב זי וויל בלייבען נע־סדיי אירע פּרינציפּען. צווייטענס — ווער, ווער, איר ווייסט דאָך יאָ ווי ס'איז שווער צו פאַרשפּרייטען דעם ציוניסטישען אידעאַל, און נאָך שווערער איז צו פאַרשפּרייטען דעם סאָציאַליזם. הייִנט אַז די פּועלי־**ציון פּראָגראַם, איז געבענשט מיט אַזאַ שווערער משא פון אידעאַליזם, ווי ציוניזם רעכטס, סאָציאַליזם לינקס, נו, און וואו איז ,אידיש און העברעאיש, נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע אין די גלות לענדער, אַ היים־לאַנד געבויעט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות אין ארץ־ישראל — דענקט איר, אַז מיט אַזאַ באַגאַזש קען מען ווערען אַ מאַסען־פּאַרטיי? ניין, מיין ליבער פריינד, נאָר יחידי סגולה זיינען מסוגל צו נעמען אויף זיך אַזוי פיעל התחייבות'ן. פאַרקערט, אפשר ווייסט איר פון אַזוינע וואָס ווילען אונז העלפען טראָגען די שווערע משא, לאָזט אונז וויסען, מיר וועלען זיי אויפנעמען בסבר פנים יפות.

איר ברענגט אַ ראיה פון דעם אידיש־נאַציאָנאַלען אַרבעטער פּאַר־באַנד, וועלכער האָט צוגעקראָגען נייע מיטגלידער, און ס'איז געוואָרען לעבעדיקער. האָט איר אָבער פאַרגעסען, אַז דער „פּאַרבאַנד“ האָט אַחוץ אידעאַליזם, אויך „אינשורענס“, מיט קראַנקען־בענעפיט, פאַר דעם גוף; און די פּועלי־ציון האָט צו טאָן מיט דער „נשמה“, און צו „אינשורען די נשמה“, די גייסטיגע זייט פון דעם מענטשען, אויף דאַרויף זיינען דאָ ווייניג בעלנים.

וואָרום אונזער יונגע שוועסטער טאַנצט, און זי זינגט ניט? „ותקח מרים הנביאה את התף בידה,“ אפילו די גרויסע מרים האָט אָנ־געהויבען מיט כלי־זמר, ניט מיט קיין רעדען. ערשט נאָכדעם, אַז „ותצא כל הנשים אחריה בתפים ובמחולות,“ אַז אַלע פרויען האָבען איר נאָכגעפאָלגט און האָבען אויך געשפּילט און געטאַנצט, דעמאָלט „ותעל מרים“, האָט זי זיך גענומען רעדען. אַזוי איז דער מנהג פון פרויען, אָנהויבען מוז מען מיט מוזיק און טענץ, און דערנאָך דערדט מען, זינגט מען. „ותשר דבורה“, איז ערשט געווען שפּעטער. אונזער שוועסטער וועט נאָך רעדען־זינגען — די צייט וועט אַלעס ברענגען.

אַ דאַנק פאַר'ן שרייבען.

דער זעלבער פריינד,

**ב. אַלטער.**

---

## די אַרבעטס ליד

1

נעמט זיך, נעמט זיך ליבע ברידער\
צו דער גרויסער אַרבעט ווידער\
פריילאך מוטהיג אין פעלד אַריין\
און אַ גאַנצן טאָג דאָרט זיין\
פריילאך מוטהיג אין פעלד אַריין

2

לאָמיר אַרבעטן און שטרעבן,\
ברייגנען וואָס מער גליק און לעבן\
פריילאך, מוטהיג א. ז. וו.

3

עס קומען, עס קומען נייע צייטן\
עס ווינקט אַ שטערן פון ווייטן\
פריילאך, מוטהיג א. ז. וו.

4

נייע צייטן, נייע לידער,\
זינגט זשע אייניק, ליבע ברידער\
פריילאך, מוטהיג א. ז. וו.

5

לאָמיר בויען אַ לאַנד אַ נייע,\
**אַ אידיש פאָלק, און אַ וועלט אַ נייע**\
**פריילאך, מוטהיג א. ז. וו.**

# א בריוו צו אַ פריינד

(פעליעטאָן)

מיין ליבער פריינד:

דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך געדענקט דאָס יאָר דיר צו שרייבען טאַקע נאָר אַ לאַנגען בריוו; ענטפערען דיר אויף אַלע דיינע פראַגען, ווי דו פאַרלאַנגסט, און טאַקע צו דער זעלבער צייט זיך אָפּרעדען פון דעם האַרצען. און אָנגעקליבען האָט זיך לעצטענס זעהר פיעל; אָבער (אַי, דער אָבער) אזוי ווי לעצטענס בין איך זעהר פאַרדרעהט און צודרעהט, וועל איך דאָס מאָל אויך זיך מוזען באַנוגענען מיט שטיקלעך־ברעקלעך, און דאָס איבעריגע וועסטו מוזען פאַרשטעהן אויפן וואונק,- (ברמיזא).

ווילסט וויסען וואָס ס'טוט זיך ביי אונז אין געזעלשאַפטליכען לעבען? „מ'סמוקט", מ'עסט און מ'טאַנצט. דער עיקר איז מ'באַנקעטעוועט, און מ'האָט „לאַנטשעאָנס". ניט נאָר פּראָטווירנאַל סאָסייעטיס האָבען לעצטענס זיך גענומען צו דער „אכילה", נאָר אפילו אונזערע טשאַריטי אינסטיטושאַנס, אונזערע אָרגאַניזאַציאָנען וועלכע האָבען תמיד פאַרזאָרגט די מענשהייט מיט אַלערליי אידעאַליזם, ביי זיי געהט אויך לעצטענס ניט אָהן אַ באַנקעט אָדער אַ לאַנטשעאָן. מ'ליינט אויף דעם אַוועק אַזוי פיעל כח, אַז ס'בלייבט שוין נאָר ניט אויף צו טאָן די וויכטיגע אַרבעט. אָרגאַניזאַציאָנען ביי וועלכע מ'האָט אַמאָל געקענט קריגען עטליכע דאָלער פאַר לאָקאַלע, און אַמאָל אויך פאַר נאַציאָנאַלע, אינסטיטוציעס, אָבער לעצטענס (מיט רער אויסנאַמע פון אַ 5-6) האָבען זיי זיך אַזוי צו באַנקעטעוועט און אַזוי צו „סמוקט", אַז זיי האָבען אַרויסגערויכערט אַלעס — דאָס נויטיגסטע שבנויטיגסטע. פיעלע מאָל ווייזט זיך אויס, אַז מ'וועט אַלעס אויפעסען, ארץ־ישראל אַריינגערעכענט.

היינט, טאַנצען. געדענקסט נאָך געוויס די צייט ווען אונזער „דזשוניאָר הדסה" האָט געטאַנצט אַ־לאַ די פיר הונדערט, און ארץ־ישראל האָט אויך אַדיינגעקראָגען שיינע עטליכע הונדערט דאָלער. היינטיגס יאָר האָבען זיי זיך אַזוי צוטאַנצט, טאַקע ווי אין פּסוק שטעהט, ניט נאָר געטאַנצט, טאַקע מיט וועטשערע (מ'שטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ סאַפּער דאָס איז געווען); און ס'האָט זיך אויסגעוויזען אַז זיי וועלען ארץ־ישראל ממש רייך מאַכען (אַזאַ עולם האָבען זיי געהאַט) אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז קוים מיט נסים — און טאַקע מיט גרויסע נסים — האָט מען אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר הונדערט דאָלער. נו, ווי געפעלט דיר אַזאַ ערפאָלג.

אונזערע ציוניסטען האָבען היינטיגס יאָר געטאַנצט מיט צוויי „קאַפּעליעס", און ווי ס'ווייזט זיך, וועט זיך דאָס אויסלאָזען ווי ביי דעם קליינשטעדטעלדיקען מלמד, וועלכער האָט געקוקט אויף צוויי פּאָר ברילען; און ניט גלאַט אַזוי מיר ברילען, נאָר מיט יחוס — איין פּאָר אַ ירושה פון זיין טאַטען, און איין פּאָר אַ ירושה פון דעם הייליגען זיידען — אָבער געזעהן האָט ער אויף ביידע ניט. אַזוי, האָב איך מורא, זאָל זיך ניט אויסלאָזען מיט די צוויי „קאַפּעליעס". מ'זאָגט אַז ס'איז געווענט אין „איף", אויף פּשוט מאַמע־לשון הייסט דאָס, אַז אויב מ'וועט אַלעס איינקאַלעקטען, און די וואָס זיינען ניט געוועזען וועלען אויך באַצאָלען פאַר די טיקעטס, וועט אפשר רעמאָלט זיין: . . . וויפיעל, ווייס איך ניט. אַי, די אַרבעט — און דער טשערמאַן האָט דאָך געוויס שווער געאַרבעט — נאָר וואָס מאַכט דאָס, מ'האָט דאָך געטאַנצט. ס'קען זיין אפשר וועט מען פּאַרט לערנען פון דעם.

חאָטש לערנען היינטיגע צייטען וויל זיך ניט. נעם אַ שטייגער אונזער „סענטער". אַראַנזשירט ער לעקטשורס, ברענגט רעדנער ממרחקים, אַזש פון וואַשינגטאָן, א. א. וו., אָבער די טעמעס זיינען די זעלבע וואָס פאַר אַ יאָרען און פאַר צוויי יאָרען, און אפילו פאַר דריי יאָריגע, נאָר אַביסעל אַנדערש געשליירט. לעצטען יאָר האָט מען יאָ געבראַכט צוויי לעקטשורס וועלכע זיינען ניט אין די באַוואוסטע „סענטער פּראָגראַמען", און ס'איז געקומען אַ גרויסער עולם אויך, אָבער ווי ס'ווייזט אויס, האָט דאָס פאַרשאַדט אייניגע דירעקטאָרען. זיי האַלטען זיך ביי דעם כלל, אַז „אין חדש תחת השמש". אי די וועלט פּראָגרעסירט דאָך פּאַרט, אָבער ווי זאָגט זיך דאָרט דאָס אַלטע ווערטעל — „ניט ביי מאַטיען".

וואָס ס'איז געוואָרען פון „דזשודאַאיזם"? קיין נייעס איז נישטאָ היינטיגס יאָר. די איינציגע אַטרעקשאַנס זיינען געווען — אַ גלח ביי די רעפאָרמער, און אַ רעפאָרמירטער ראַבאַי ביי די קאָנסערוואַטיווע. די וועסט געוויס פרעגען, היתכן? אָבער וואָס טוט מען ניט צוליעב אַביסעל פּובליסיטי היינטיגע צייטען? און בפרט אַז ס'קען נאָך ברייגגען אַביסעל פּרנסה אויך, איז דאָך אודאי כשר.

זעהסטו, ניט פריילעך איז אין אונזער אָרטאָדאָקסישער וועלט. די בעאַמטע פון דעם ועד הכשרות האָבען זיך דוקא פאַרנומען אויף גרויסע אַרבעטען, און זיי זיינען געווען ערנסט אויך, אָבער (ווידער דער אָבער) האָט ער זיך לעצטענס אויפגעהערט צו מעלקען; פּשוט ניטאָ קיין געלט. נו, און אָן געלט קען אפילו אונזער אָרטאָדאָקסיע גאָרניט טאָן. דערפאַר איז געוואָרען שלום ושלוה, ניטאָ זיך איבער וואָס צו רייסען. די שוחטים ווילען קיין הוספה ניט, די רבנים דאַנקען דעם רבוש"ע אַז מ'טשעפּעט זיי ניט.

אין אונזער ראַדיקאַלער וועלט טומעלט זיך יאָ אַביסעל. צוויי פאָרומס האָבען מיר, אַ רעכטען און אַ לינקען. ביידע אין איין האָל. די ערשטע צייט האָבען זיי געהאַט אין באַזונדערע זונטאַג'ן, איז אָבער ניט געווען געגוג רייסעריי פאַר אונזערע לינקע, האָבען זיי לעצטענס אָנגעהויבען צו אַראַנזשירען אַ פאָרום אפילו דעם זונטאָג וואָס די רעכטע האָבען זייער פאָרום. טוט זיך אַ רייסעריי, יעדער זוכט אַן אַטרעקשאַן, מ'שלעפּט ממש ביי די פּאָלעס. און די טעמעס זיינען: רוסלאַנד, רוסלאַנד, און נאָך אַמאָל רוסלאַנד. איך האָב אָבער מורא, אַז די רעכטע וועלען זיך מוזען אונטערגעבען, ווייל אויף רייסערייען זיינען די לינקע ספּעציאַליסטען; און וואָס פאַר אַ רעדנער אונזער לינק קלייזעל אַראַנזשירט, וועלען זיך אונזערע רעכטע ניט דערלויבען, ווייל, וואָס־וואָס, קיין יוניאָן־ברעכער, קיין סטרייק־ברעכער, וועלען די רעכטע ניט לאָזען רעדען ביי זייער פאָרום; אָבער די אמת'ע ר־ר־רעוואָלוציאָנערען מעגען אַלץ, אַבי צו ציען דעם „קראַוד".

די ווילסט וויסען וואָס ס'זאָגען די עטליכע ערליכע לינקע — די עטליכע אַרבעטער, וואָס ביי זיי איז די יוניאָן די וועלכע באַשיצט זיי אין זייער טעגליכער אַרבעט — ווי קומט דאָס וואָס זיי האָבען רעלויבט אַז אַזוינע פאַרזאָנען זאָל מען איינלאַדען צו רעדען? פרעג־זשע בעסער ניט אַזוינע פראַגען. האָסטו געזעהן אַז אַן אַרבעטער זאָל האָבען אַ דעה ביי זיי? וואָס די „באָסעס" זאָגען מוזען זיי אויסהערען און שווייגען. און ניט נאָר שווייגען, נאָר נאָך שרייען אַז ס'איז גוט אַזוי. עפּעס אַ קלייניגקייט, „ר־ר־רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור".

דיין פריינד,
ב. אַלטער.

## אַ, קום שוין!

אַ, קום שוין שטילער אָוועגט,
און ווינג די פעלדער איין,
מיר זינגען דיר אַ לויב ליר,
אַ, שטילער אָוועגט, שיין.

עס וועֿרט טונקעלער די לאָנקע,
עס קומט די נאַכט צוגיין,
די ווייסינקע בעריאָזקע,
בלייבט שטיל אין פעלד אַליין.

# יוסל מעכאַניק קויפט דעם אפיקומן אויף אויסצוצאָלען.

(הומאָרעסקע)

די צייט איז ערב פסח אויף דער נאַכט. יוסל הנה'ס, אָדער ווי מ'האָט אים אין שטאָרט גערופען, יוסל מעכאַניק, איז נאָר וואָס אהיים געקומען פון שוהל. ער האָט געטראָפען די הויז פיין צוגעראַמט, דער טיש געגרייט, די שעהנע מעשענע לייכטער מיט די ברענענדיגע ליכט האָבען באַלויכטען דאָס גאַנצע הויז; די דריי מצות, וואָס שפּילען כמעט די הויפּט ראָלע ביים פּראַוועןן דעם סדר, זיינען געלעגען איינגעוויקעלט אין א ווייס האַנטוכעל אויף אַ גרויסען טעלער, און אפילו דאָס רויטע פלעשעל כרמל וויין איז שוין אויך געשטאַנען אויפ'ן טיש.

די פרוי מיט די קינדער זיינען אַלע געווען אָנגעטאָן אין זייערע שעהנסטע קליידער, און זיינען שוין געזעסען יעדערער אויף זיין אָרט און געוואַרט מ'זאָל אָנהויבען פּראַוועןן דעם סדר.

יוסל האָט זיך באַלד אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט, אויבענאָן, אָבער אַנשטאַט אָנצוהויבען פּראַוועןן דעם סדר, האָט ער זיך שטאַרק פאַרטראַכט. זיין היטעל איז געווען אַרויפגערוקט אַזש ביז אין מיטען קאָפּ, און זיין שטערען איז געווען באַדעקט מיט אַ קאַלטען שוויים. און וואָס יוסל האָט געוואָלט אויסקלערען פונקט פאַר'ן סדר, איז געווען גאָר אַ קלייניגקייט — ווי אַזוי צו באַוואָרענען אַז מ'זאָל ביי אים ניט קענען צו'גנב'ענען דעם אפיקומן; ווייל כאָטש גנב'ענען דעם אפיקומן פלעג טאַקע איינער פון די קינדער, אָבער צוריק אויסקויפען אים, פלעג ער מוזען אָנקומען צו חנה'ן, ווייל דאָס קינד פלעגט איבערגעבען די גנבה דער מאַמען. און פאַר קיין זאַך פלעגט חנה ניט קאָנען אַזוי אַרויסציהען ביי איר יוסלען די נשמה ווי פאַר'ן אפיקומן. זי האָט געוואוסט אַז ביי איר יוסלען הענגט כמעט די גאַנצע ערליכקייט פון דער סדר־נאַכט אויפ'ן אפיקומן, ווייל ביי יוסלען איז דער אפיקומן געווען איינע פון די חשוב'סטע מצוות. ערשטענס, איז דאָס דאָך אַ מצוה פון איינמאָל אין יאָר; צווייטענס, האָט ער געדענקט אַז די מצוה איז אימפּאָרטירט גלייך פון מצרים, ווייל דער נאָמען „אפיקומן“, איז ביי אים אויסגעקומען עגיפּטיש. און פאַר אימפּאָרטירטע סחורה, וואָס פאַר אַ מין דאָס זאָל ניט זיין, האָט מען דרך־ארץ. אַזוי טראַכטענדיג איז יוסל געפאַלען אויף אַ פּלאַן: בכן ער וועט אָנבינדען אַ בענדעל צום אפיקומן, און איין עק פונם בענדעל וועט ער אָנבינדען צו די שליסעל וואָס ער האָט אין קעשענע, און אַזוי וועט ער קאָנען כאַפּען דעם גנב ביי דער האַנט.

חנה, זיין פרוי, ווי זי האָט נאָר דערזעהן יוסל'ס פאַררוקטען העט און פאַרשוויצטען שטערען, האָט זי שוין געוואוסט אַז ביי איר יוסלען אין מח דרעהט זיך שוין אַ גאַנצע מאַשין, און קיין גוטס וועט שוין דערפון ניט אַרויסקומען. האָט זי באַלד באַשלאָסען ניט אַראָפּצונעמען קיין אויג פון אים, און אַז יוסל איז פאַרטיג געוואָרען מיט זיין פּלאַן, האָט ער זיך אויפגעהויבען און זאָגט: „חנה, מאַך מיר צורעכט דאָס הסבה־בעט“. מאַכענדיג דאָס הסבה־בעט, האָט שוין חנה געזעהן אַז דאָס הסבה־בעט זאָל דאָס מאָל זיין אַביסעל העכער ווי שטענדיג, אום זי זאָל קענען בעסער באַמערקען וואָס אין יוסל'ס מח האָט זיך געדרעהט.

יוסל האָט באַלד געמאַכט קידוש, זיך געוואַשען, און דערנאָך אַריינגעוואָרפען אַ גאַנצע „פּאַטייטע“ אין מויל אַלס כרפּס, און אַז עס איז געקומען צו יחץ האָט יוסל אָפּגעבראָכען אַ האַלבע פון דער מיטעלסטער מצה און האָט זי, מיט אַ שמייכעל אויף זיינע ליפּען, איינגעוויקעלט אין אַ ווייס האַנטוכעל און דאָס אונטער'ן טיש צורעכט געמאַכט, פאַרטיג לויט ווי זיין מח האָט אויסגעאַרבעט. דאַן האָט ער אָנגעהויבען זאָגען די הגדה.

חנה'ס אויגען האָבען ניט גערוהט, ביז זי האָט באַמערקט אַז פון איר יוסל'ס קעשענע ציהט זיך אַ בענדעל ביז צום אָרט ווי דער אפיקומן איז געלעגען. זי האָט באַלד באַשלאָסען אַז זי מוז ניט נאָר קריגען דעם אפיקומן, נאָר אַז איר יוסל מוז דאָס יאָר פאַר אים באַצאָלען דעם העכסטען פּרייז.

חנה האָט געוואַרט ביז יוסל האָט געהאַלטען נאָכן צווייטען כוס, און ווען זיינע אויגען האָבען זיך אַביסעל פאַרצויגען האָט זי באַלד געשיקט איר חיים'לען, אַ אינגעל פון אַ יאָר אַכט, ער זאָל מיט אַ שוועבעלע איבערברענען דאָס בענדעל און איר ברענגען דעם אפיקומן. דאָס איז ביי חיים'לען געווען אַ גאַנץ לייכטע אַרבעט, און ווען דאָס בענדעל האָט צוגעברענט ביז צו יוסלען אין קעשענע, האָט זיך יוסל אַ כאַפּ געטאָן גלייך ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס טאָן. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען אַז דאָס האָט אים זיין חנה אָפּגעטאָן, אָבער וואָלט דאָס געווען אין מיטען יאָר וואָלט אפשר דערפון אַרויסגעקומען אַ גט; עס איז דאָך אָבער פסח, איז אחוץ וואָס ער האָט מורא געהאַט צו זיין פסח אָן אַ מלכה, איז דאָס דאָך דער שעהנסטער יום־טוב ביי אידען. האָט יוסל אָנגעהויבען צו האַנדלען מיט איר מיט גוטען, ווייל אַז דאָס לעבען איז גוט שפּילט דאָך געלד קיין ראָלע ניט, און דער סוף איז געווען אַז דער אפיקומן האָט אים געקאָסט פינף הונדערט דאָלער, אויף אויסצוצאָלען דורכ'ן יאָר, ווייל יוסל מעכאַניק האָט אין זיין גאַנץ לעבען ניט געהאַט קיין פינף הונדערט דאָלער מיט אַמאָל.

א. בוירק.

# די בעקער יוניאָן.

ווי מ'האָט געקענט דערוואַרטען, לעבט דורך די בעקער יוניאָן דעם זעלבען קריזיס וואָס אַלע אַנדערע יוניאָנס; און ווי שטענדיג אין אַזאַ צייט, געפינען זיך „באָסעס“ וועלכע זוכען אויסצונוצען די שלעכטע צייטען פאַר זייערע אייגענע אינטערעסען, אָנגעבענדיג אַלערליי תירוצים און דריידלעך. און ס'האָט זיך אויסגעוויזען אַז היינטיגס יאָר וועט אויסקומען דער קליינער בעקער יוניאָן אויפצונעמען אַ קאַמף מיט איניגע בעלי־בתים, און זיך פאַרמעסטען מיט די כחות.

אָבער ווי ס'ווייזט זיך, וועט אַזאַ קאַמף אויסגעמידען ווערען, ווייל ער וואָלט זיכער ביידע—סאַי די אַרבטער, סאַי די באַלעבאַטים—ניט געטאָן קיין טובה.

פיעל וואָס האָט געהאָלפען אַז די באָסעס זאָלען זיך ניט שטאַרק עקשנ'ען, איז די אחדות, די סאָלידאַריטעט, וואָס איז דאָ אין דער יוניאָן. מיט דעם וואָס זיי טיילען, ווי ווייט מעגליך, איין די אַרבעט צווישען זיך, און געבען אָפּ איניגע טעג אַ וואָך פאַר די וואָס האָבען ניט קיין שטענדיגע דזשאָבס, כאָטש ס'איז אמת אַז יעדען פרייטאג פעהלט דעם אַרבעטער היבשע עטליכע דאָלער צו זיין „פּיידע“, אין וועלכע די פאַמיליע נויטיגט זיך. אמת, זיי העלפען טאַקע אַרויס די אַרבעטער וואָס האָבען ניט קיין שטענדיגע דזשאָבס; אָבער, פון דער צווייטער זייט, מיינט דאָס אַ זיכערקייט פון „דזשאָב און פּרייז“ פאַר דער אַרבעט, וועלכעס איז זעהר וויכטיג אונטער די איצטיגע אומשטענדען; ווייל, ווי געוויינליך, ווען ס'זאָל קומען צו אַ סטרייק, וואָלטען די באָסעס אויסגענוצט די געלעגענהייט פון די וואָס דרעהען זיך אַרום אָהן אַרבעט, און דער סוף וואָלט געווען אַז ביידע וואָלטען פאַרלאָרען.

דאָס פּובליקום מעג געווים זיין צופרידען וואָס אַ סטרייק איז אויסגעמידען געוואָרען, ס'טומעלט זיך אַזוי אויך גענוג אין אונזער אידיש וועלטעל. איין זאַך וואָס מ'קען פאַרזיכערען דער בעקער יוניאָן איז — אַז קיין אונטערשייד ווי אַזוי די ראַדיקאַלע עלעמענטען זיינען צווישען זיך צוריסען, אָבער זאָל זיי ווען עס איז אויסקומען אַרויסצוגעהן אין אַ קאַמף, וועלען זיי געפינען די פאַראייניגט אונטערשטיצונג פון אַלע ראַדיקאַלע עלעמענטען ווי אויך פון אַלע רעכט־דענקענדע מענטשען, וועלכע ווייסען ווי אָפּצושאַצען די גוטע אַרבעט וואָס די בעקער יוניאָן טוט פאַר אירע מיטגלידער, און אויך די גוטע אַרבעט וואָס זי טוט אויסער אירע אייגענע רייען.

די בעקער יוניאָן האָט דאַרום אַ מאָראַלע רעכט צו פאָדערען פון יעדען איינעם צו קויפען ברויט נאָר אין אַ יוניאָן בעקער שאַפּ, וואו דער צייכען פון דעם איז דאָס יוניאָן לייבעל.

יאָ, אַ יוניאָן לייבעל איז אויך אַ צייכען פון סאַניטאַרע באַדינגונגען, וועלכע זיינען נויטיג אומעטום, און ספּעציעל אין אַ בעקער שאַפּ.

# א שפּאַציר איבער אונזערע אינסטיטוציעס

## דער גמילת־חסד אַף פּראָווידענס.

די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע אין וועלכער מיר געפינען זיך האָט, ווי מ'האָט געקענט דערוואַרטען, זיך שטאַרק אָפּגערופען אויף דעם גמילת־חסד. ווען מ'לייענט דורך דעם רעפּאָרט פון לעצטען יאָר, זעהט מען די גוטע ארבעט וואָס איז געטאָן געוואָרען, אָבער צו דער זעלבער צייט דערקענט זיך אז דער „גמילת־חסד“ האָט ניט געקענט נאָכקומען די פאָדערונגען פון די אַפּליקאַנטען נאָך הלוואות, און עס האָט אויך ניט געקענט גענעבען ווערען די פולע סומען וואָס זיינען געבעטען געוואָרען.

עס דערקענט זיך, אז אסך פון די וועלכע האָבען געבעטען צוויי הונדערט דאָלערדיגע הלוואות, האָבען זיך געמוזט באַנוגענען מיט ווייניגער, חאָטש ס'איז פאַר זיי געווען זעהר נויטיג די פולע סומע.

ס'איז אויך, דאכט זיך מיר, דאָס ערשטע יאָר אין דער געשיכטע פון גמילת־חסד ווי מ'האָט געמוזט צאָלען פּראָצענט, אבי נאָכצוקומען די פאָדערונגען פון די וואָס האָבען זיך גענויטיגט אין הלוואות. א שווער יאָר איז דאָס געווען פאַר די בעאַמטע.

זאָל אָבער דער אמת געזאָגט ווערען, אז ווי מ'האָט איבערגעגעבען, איז קיין הארמאָניע ניט געווען צווישען די בעאַמטע און דער באָארד, און אויך אז איינינע דירעקטאָרען האָבען צום באַדויערען ניט פארשטאַנען די אמת־ריכטיגע באַדייטונג צוליב וואָס אזא אינסטיטוציע ווי א גמילת־חסד איז געגרינדעט געוואָרען, און האָבען געוואָלט מאַכען פון איהם א מין „מארים־פּלאַן“. ס'ווילט זיך האָפען, אז דאָס יאָר וועט זיין א יאָר פון שלום און הארמאָניע, און די בעאַמטע וועלען קריגען די פולע מיט־ארבעט פון די דירעקטאָרען; דעמאָלט וועט מען זיכער קענען געפינען מיטלען, אז ווען איינער מאַכט אַן אַפּליקאַציע פאַר א געוויסער סומע אין וועלכער ער נויטיגט זיך, זאָל ער עס קריגען.

*  *  *  *

## דער סאַוטה פּראָווידענס'ער גמילת־חסד.

די וועלט זאָגט, אז די טאָכטער איז אַלעמאָל געראָטען אין דער מוטער. דאָס קען מען, מיט רעכט, זאָגען אויף דער ארבעט פון דעם „סאוטה פּראָווידענס'ער גמילת־חסד“ פון לעצטען יאָר. ארבעט שווערע, אָבער גוטע, איז געטאָן געוואָרען לעצטען יאָר. פּיעלע מאָל האָבען די באָארד אָף דירעקטאָרען געמאַכט הלוואות צו דעם גמילת־חסד, כדי ער זאָל קענען נאָכקומען די הלוואות וואָס האָבען זיך געפאָדערט ביי מענטשען וועלכע האָבען זיך גענויטיגט.

די קאָמיטע און די דירעקטאָרען האָבען זיך פאַרדינט דעם כבוד און צוטרויען וואָס איז זיי געגעבען געוואָרען.

ס'וואָלט זיך אָבער געלוינט צו פאַרטראַכטען, דאכט זיך, אז די צייט איז שוין געקומען, ווען מ'קען רעדען פון אָ פאַראייניגונג פון ביידע גמילת־חסדים. מיט פאַראייניגטע כחות וואָלט מען געקענט שאַפען מעהר געלט, און במילא וואָלט מען געקענט געבען גרעסערע הלוואות צו די וואָס נויטיגען זיך, און אויך שפּאָרען אין הוצאות.

זאָלען די וועלכע זיינען אקטיוו אין ביידע גמילת־חסדים פאַרטראַכטען זיך וועגען דעם.

---

דער פארבאַנד נייט אַלץ מער און מער אויף ברייטערע וועגן, סיי אויפ'ן געביט פון בענעפיטן פאַר די מיטגלידער און סיי אין זיינע קולטורעלע, אידיש־געזעלשאַפטלאַכע און ארבעטער טעטיגקייטן. דער פארבאַנד האָט ביי זיין גרינדונג זיך אָנגעצייכנט א וועג פון טעטיגקייטן לטובת דעם יחיד, וואָס שליסט זיך אָן אין דער אָרגאַניזאַציע און לטובת די ברייטע אידישע ארבעטער און פאָלקס־מאַסן אין אמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט. די אַלע אקטיוויטעטן און דאָס אָפּהיטן געטריי די צילן און אויפגאַבן, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען — האָבן דעם פארבאַנד געגעבן א טעגלאַכקייט צו מאַכן פראָגרעס יעדן יאָר, סיי אָרגאַניזאַטאָריש און סיי געזעלשאַפטלאך.

## מרים האָספּיטאַל.

אויב וועלכע אינסטיטוציע ביי אונז אין שטאָדט איז געטראָפען געוואָרען פון דער שלעכטער עקאָנאָמישער לאַגע וואָס מיר לעבען איצט דורך, קענען מען מיט רעכט זאָגען, אז די שלעכטע צייט האָט זיך אָפּגערופען שווערער אויף דעם האָספּיטאַל.

ווען מ'לייענט דעם סופּעראינטענדענט'ס רעפּאָרט פאַר די לעצטע פּאָר חדשים, ווען מ'קומט אריין אין די וואָרדס און מ'זעהט ווי אַלע בעטען זיינען פארנומען, ווען מ'דערוואוסט זיך אז מ'האָט געמוזט עפענען פּריוואַטע רומס פאַר טשאַריטי פּאַציענטען, דעמאָלט קען מען ערשט וויסען ווי אָפּצושאַצען די וויכטיגע ארבעט, און אויך ווי די צייט האָט געווירקט אויף דער ארבעט פון דעם איינציגען אידישען האָספּיטאַל. און ווילענדיג־ניט־ווילענדיג מוז מען זיך פארטראַכטען, אז דער האָספּיטאַל, וואָס איז אין גאַנצען ערשט אַלט דריי יאָר, זינט ס'האָט זיך ערעפענט, איז שוין אָבער ניט גרויס גענוג צו באַפּדידינען די באַדערפעניששען פון דער אידישער באַפעלקערונג. און נאָר אין גיכען, וועט מען מוזען זיך ערנסט פארטראַכטען וועגען פאַרגרעסערען דעם האָספּיטאַל, וועלכער איז געוואָרען אזוי נויטיג פאַר דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג אין אונזער שטאָדט ווי אויך אין סטייט.

*  *  *  *

## דער בית־יתומים.

יאָרען לאַנג האָבען זיך געפונען מענטשען ביי אונז אין שטאָדט, וועלכע האָבען גע'טענה'נעט, אז דער בית־יתומים איז צו גרויס — (א חסרון, די כלה איז צו שעהן) — אָבער אז מ'לייענט דורך דעם לעצטען יאָריגען באַריכט, זעהט מען ערשט, אז די וואָס האָבען געבויט דעם בית־יתומים, זיינען געווען גרויס גענוג צו זעהן, אז אויב מ'וויל האָבען א היים פאַר קינדער, מיט אַלע באַקוועמליכקייטען, און אויך מ'זאָל ניט דארפען זאָרגען אַלע פּאָר יאָר, וואָס צו טאָן מיט די קינדער וועלכע דאַרפען אָנקומען אין א בית־יתומים, און קיין פּלאַץ זאָל ניט זיין, מוז מען בויען אזא היים וואָס זאָל זיין גרויס גענוג אז אין דער צייט פון נויט זאָל מען קענען דערפילען אַלע פאָדערונגען פון דער צייט. און ערשט איצט זעהט מען ווי גערעכט עס זיינען געווען די בויער פון דעם בית־יתומים.

ס'איז אויך א גרויס פארגעניגען, ווי אזוי די קינדער ווערען דערצויגען — ווי מ'גיט אויף זיי אכטונג, סאַי אויף זייער פיזישער, ווי אויך גייסטיגער זייט — און ספּעציעל ווען מען זעהט אז מ'מאַכט די קינדער ניט פיהלען אז זיי ווערען דערצויגען אין אַן אינסטיטוציע.

*  *  *  *

## דער מושב־זקנים.

סוף־כל־סוף וועלען די אידען פון אונזער שטאָדט און סטייט אין גיכען האָבען א נייעם בילדינג פאַר אונזערע עלטערע מענטשען, וועלכע מוזען אָנקומען צו א מושב־זקנים.

דער פּלאַן פון דעם בילדינג איז, אז די וואָס וועלען אין איהם זיין, וועלען האָבען אַלע באַקוועמליכקייטען זיך אויסצולעבען זייערע יאָרען אויף ווי ווייט מ'קען אָנרופען רוהיג און באַקוועמליך. דערווייל זיינען נאָך אַלץ די פרויען וואָס געבען זיך אָפּ מיט דער גוטער ארבעט; און דער אמת זאָל געזאָגט ווערען, ווער איז נאָך מעהר פּאַסיג פאַר אזא ארבעט ווי אונזערע פרויען? ס'ווילט זיך האָפען, אז מ'וועט ריכטיג אָפּשאַצען די ארבעט וואָס זיי טוען פאַר די לעצטע ניינצען יאָר, און זיי ארויסהעלפען אין דער ארבעט.

מ'וואָלט זיכער געדאַרפט שרייבען וועגען דער גוטער ארבעט פון דער „דזשואיש וועלפעיר“, און ספּעציעל וועגען דער אמת נאָבעלער ארבעט פון דער „לײדיס יוניאָן אייד“, אָבער צוליב מאַנגעל אין פּלאַץ, וועלען מיר דאָס לאָזען אויף א צווייטען מאָל.

גרינדן אידישע שולן אַנדערע אידישע קערפּערשאַפטן, ווי דער ארבעטער רינג, די שלום עליכם שולן, ארבעטער שולן, א. אז. וו. אין יענע שולן איז דער פּראָגראַם פון למודים אַן אַנדערער ווי די למודים אין די שולן פון פאַרבאַנד. זיי זיינען אָבער אַ רעזולטאַט פון דער ערשטער אידישער פאָלק־שול, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון פאַרבאַנד און פּועלי־ציון.

ארום אונזער שול באַוועגונג אין אַמעריקע איז אויסגעוואַקסן דער אידישער לערער סעמינאַר, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט דער הילף פון פאַרבאַנד און קריגט די האַרציגע אונטערשטיצונג פון דער לייטונג און פון די פאַרבאַנד ברענטשעס און פרויען קלובן. דער סעמינאַר ווערט פון אַלע קרייזן אַנערקענט אַלס אַ וויכטיגע, העכערע מאָדערנע קולטור אינסטיטוציע, אין סעמינאַר לערנען אַלע יאָר הונדערטער סטודענטן. זיי ווערן דערצויגן צו קענען זיין לערער אין די אידישע פאָלק־שולן און אינטעליגענטע פירער אין דעם אידיש־געזעלשאַפטלאַכן לעבן.

דער פאַרבאַנד באַנוגנט זיך ניט בלויז מיט דער גרינדונג און אויפהאַלטונג פון די אידישע פאָלק־שולן. ער שטרעבט אויך אויסצובְרייטערן די טעטיגקייט אויף דעם געביט. ער זוכט צו באַווירקן וואָס גרעסערע קרייזן צו קעמפן פאַר דער איינפירונג פון אידישע און העבּרעאישע למודים אין די אַמעריקאַנער פּאָבליק סקולס און האַי־סקולס.

אויפ'ן קולטורעלן געביט פאַר דערוואַקסענע פירט דער פאַרבאַנד אויך אָן אַ פאַרצווייגטע טעטאַנקייט. זיינע ברענטשעס און קלובן האָבן ביי פילע געלעגנהייטן אויסגעווירקט די איינפירונג פון אידישע און העברעאישע אָפּטיילונגען אין די שטאָטישע ביבליאָטעקן. ער גרינדעט כאָרן, אָרקעסטערס און דראַמאַטישע סעקציעס. ער שיקט די גרעסטע אידישע געלערנטע אויף לעקציע־טורס. ער דערציט די מיטגלידער דורך געשריבענע לעקציעס, וואָס גיבן באַלייכטונגען איבער פאַרשידענע אידישע, געזעלשאַפטלאַכע און קולטורעלע פראַגן. די ברענטשעס און קלובן פייערן אידישע און ארבעטער יום־טובים. זיי זוכן צו פאַרשפּרייטן אידישע ביכער. זיי פלאַנצן איין אַ ליבע צווישן די אידישע מאַסן פאַר אַ בעסערן אידישן טעאַטער, פאַר אַ בעסערע אידישע פּרעסע און פאַר אידישע קולטור בכלל.

ארץ ישראל, באַזונדערס דאָס ארבעטנדע ארץ ישראל, פאַרנעמט אין די טעטיקייטן פון פאַרבאַנד אַ זייער חשוב'ן אָרט. אין דעם פּרינציפּן דערקלערונג פון פאַרבאַנד ווערט אונטערשטראָכן צווישן אַנדערע אויפגאַבן אויך די אויפגאַבע פון „שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַוואוסטזיין פון די אידישע מאַסן, דורך דערציאונג און בילדונג, קעמפן געגן אַסימילאַציע, אַנטייל נעמען אין דעם קאָנסטרוקטיוון אויפבּוי פון דעם אידישן פאָלק אין אַלע וועלט־טיילן און העלפן אויפבויען אַ אידיש־נאַציאָנאַלע היים אין ארץ ישראל אויף גערעכטע סאָציאַלע יסודות."

אין אַנקלאַנג מיט די אויפגאַבן, האָט דער פאַרבאַנד, גלייך ביי זיין גרינדונג, זיך דערקלערט סאָלידאַריש צו דאָס ארבעטנדע ארץ ישראל. אין אַלע אַקציאָנען לטובת ארץ ישראל איז ער געשטאַנען אין די ערשטע רייען. דער פאַרבאַנד איז געווען אַן אַקטיווער טייל פון דער ארץ ישראל ארבעטער טעטיקייט, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון פּועלי ציון פּאַלעסטינע קאָמיטעט. ער איז שפּעטער געוואָרן פון די באַשאַפער פון דעם געווערקשאַפטן קאַמפּיין פאַר דאָס ארבעטנדע ארץ ישראל, וואָס האָט שוין די לעצטע יאָרן ארומגענומען אַ ברייטן קרייז פון די אידישע ארבעטער און פאָלקס־מאַסן דאָ אין לאַנד. די פאַרבאַנד לייטונג, די ברענטשעס און קלובן גיבן דעם געווערקשאַפטן קאַמפּיין יעדן יאָר די פולסטע מאָראַלע און פינאַנציעלע מיטהילף. דער פאַרבאַנד האָט אויך דורך אייגענע אַקציאָנען געהאָלפן בויען צוויי אידישע ארבעטער סאַניטאַריומס אין ארץ ישראל — איינעם אין מוצא, לעבן ירושלים און דעם צווייטן אויפ'ן הר הכרמל, אויפ'ן נאָמען פון ב. באָראָכאָוו. די פאַרבאַנד פרויען קלובן פירן יעדן יאָר דורך זעלבסטשטענדיגע געלט־אַקציעס לטובת דעם פרויען און קינדער אָפּטיילונג אין דעם באָראָכאָוו סאַניטאַריום, וואָס זיי האָבן געהאָלפן בויען. דער פאַרבאַנד האָט אויך אין די לעצטע יאָרן, בשותפות מיט דער „הסתדרות„ אין ארץ ישראל, אָרגאַניזירט אַן ארבעטער פאַרזיכערונג און מאָרטגעדזש געזעלשאַפט — „הסנה". די געזעלשאַפט אָפּערירט אין ארץ ישראל אויפ'ן געביט פון פאַרזיכערונג און מאָרטגעדזש קרעדיט פאַר ארבעטער הייזער און וועט מיט דער צייט ווערן אַ וויכטיגע פינאַנץ אינסטיטוציע לטובת דער אידישער ארבעטער באַוועגונג אין ארץ ישראל. די פאַרבאַנד ברענטשעס און קלובן העלפן אויך אויף אַן אַקטיוון אופן אין די זאַמלונגען פון אידישן נאַציאָנאַל־פאָנד און אַנדערע אַקציאָנען, פון וועלכע די ארבעטער באַוועגונג אין ארץ ישראל האָט נוצן.

דער פאַרבאַנד איז ניט בלויז דער אָרדן פאַר'ן מאַן, נאָר אויך פאַר דער פרוי און קינד. ער גרינדעט דעריבער פרויען קלובן פאַר דער נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער אידישער פרוי. די קלובן זיינען ניט קיין אָקזילערים, נאָר פולבאַרעכטיגטע אָרגאַניזאַציעס אין פאַרבאַנד. די הויפּט צילן פון די פאַרבאַנד פרויען קלובן זיינען: זעלבסט־בילדונג און דערציאונג. פאַראינטערעסירן די פרוי אין אידישע און אַלגעמיינע געזעלשאַפטלאַכע פראַגן; ארויסצורופן ביי דער פרוי דעם אינטערעס צו אַלע איריש־קולטורעלע, געזעלשאַפטלאַכע און סאָציאַל־מענטשלאַכע פּראָבלעמען.

אין די לעצטע יאָרן האָט דער פאַרבאַנד אויך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן די אידישע יוגנט אין באַזונדערע צווייגן פון פאַרבאַנד. דער פאַרבאַנד וויל דערציען די יוגנט צו פאַרשטיין אידיש־נאַציאָנאַלע און סאָציאַל־מענטשלאַכע פּראָבלעמען. דורך דער גרינדונג פון פרויען און יוגנט־קלובן זוכט דער פאַרבאַנד צו ווערן דער אָרדן פון דער גאַנצער פאַמיליע.

די ארבעטער און קאָאָפּעראַטיווע טעטיקייטן פאַרנעמען אין פאַרבאַנד דעם פאָדערנטן פּלאַץ. אין דער ערקלערונג פון די גרונטפּרינציפּן פון פאַרבאַנד ווערט צווישן אַנדערעס געזאָגט: „דער פאַרבאַנד זאָל אַנטייל נעמען אין דער ארבעטער באַוועגונג, וואָס זוכט צו פאַרבעסערן די לאַגע פון ארבעטער קלאַס און ברייגגען אַ נייערע און בעסערע סאָציאַלע אָרדנונג אויף דער וועלט."

אין אַנקלאַנג מיט דער דערקלערונג באַטייליגן זיך די פאַרבאַנד ברענטשעס און פרויען קלובן אויף אַן אַקטיוון אופן אין אַלע אַקציעס, וואָס באַצוועקן לייכטער צו מאַכן די לאַגע פון די ארבעטער. דער פאַרבאַנד איז שטענדיג אַ וויכטיגער שטיץ־פּונקט אין גרעסערע ארבעטער קאַמפן און העלפט מאָראַליש און פינאַנציעל אַלע ארבעטער סטרייקס. זיינע מיטגלידער ווערן אויפגעפאָדערט צו געהערן צו די יוניאָנס פון זייערע פאַכן און געטריי און ערלאַך אָפּצוהיטן די ארבעטער אינטערעסן.

אויפ'ן געביט פון קאָאָפּעראַטיווער טעטיקייט גרינדעט דער פאַרבאַנד שפּאָר און לייַ־קאַסעס און קרעדיט יוניאָנס, וואָס שטייען צום דינסט די מיטגלידער און די ברייטע אידישע מאַסן; קאָאָפּעראַטיווע הייזער, פאַרשירענע קאָאָפּעראַטיווע זומער־קעמפּס.

ס'וועט אויך זיין וויכטיק צו אונטערשטרייכן דעם פאַרבאַנד'ס זיכערקייט אין פינאַנציעלן זין. יעדן יאָר ווערט דעם פאַרבאַנד'ס זיכערקייט אָפּגעשאַצט פון דער רעגירונג. די אָפּשאַצונג פון פאַרבאַנד'ס פאַרמעגן דעם 1טן יאַנוואַר, 1930, האָט געצייגט אַ זיכערקייט פון 173%, דאָס הייסט, אַז דער פאַרבאַנד האָט געהאַט ארום 173 אויף יעדן דאָלער וואָס ער האָט געדאַרפט געזעצלאַך האָבן, כדי צו זיין זיכער. קיין אַנדערער אידישער אָרדן האָט ניט אַזאַ פּראָצענט פון זיכערקייט. דער פאַרמעגן פון פאַרבאַנד האָט דעם 1טן יאַנוואַר, 1931, באַטראָפן די סומע פון איבער $400,000.00. זייט דער גרינדונג פון פאַרבאַנד ביז יאַנוואַר, 1931, איז אויסגעצאָלט געוואָרן צו די מיטגלידער אין בענעפיטן די סומע פון $392,532. דאָס שליסט ניט איין די גרויסע סומען, וואָס זיינען די מיטגלידער געגעבן געוואָרן פון הילפס־פאָנד, אָדער שטיצע פאַר פאַרשידענע געזעלשאַפטלאַכע און ארבעטער אינסטיטוציעס.

# דער אידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, זיינע צילן און אויפגאַבן

פון ל. סיגעל (גענעראַל סעקרעטאַר פון א. נ. א. פ.)

דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד איז אַן אָרדן פאַר די אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן. אין 1912 איז ער געגרינדעט געוואָרן. די ערשטע גרינדער פון אָרדן האָבן געזוכט צו שאַפן אַ נייעם־טיפּ אידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל געבן זיינע מיטגלידער די בעסטע בענעפיטן פאַר די מינימאַלסטע צאָלונגען און זאָל זיך אויך אַקטיוו באַטייליקן אין אַלע אידישע און אַרבעטער טעטיקייטן.

וואָרום אַן אָרדן — האָבן פילע געפרעגט — ביי דער גרינדונג פון פאַרבאַנד? איינינגע האָבן געטענקט, אַז אויב מען וויל אָנפירן געזעלשאַפטלאַכע און קולטורעלע טעטיקייטן, דאַרף מען פיליכט די אָרגאַניזאַציע ניט פאַרבינדן מיט בענעפיטן. די מער דערפאַרענע, אָבער האָבן שוין דאַן פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ אויפפאַסונג אויף דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטלאַכקייט אין אַמעריקע איז ניט אין איינקלאַנג מיט די אַמעריקאַנער אומשטענדן און נויטן. זיי האָבן שוין דאַן געהאַט דערפאַרונג פון אַנדערע אידישע אַרבעטער קערפּערשאַפטן, וואָס זיינען בלויז געגרינדעט געוואָרן פאַר אידעאַלע צילן און ניט געהאַט קיין פּראַקטישע צוועקן פאַר די מיטגלידער. אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס האָבן ניט געקאָנט אַריינדרינגען צווישן די ברייטע אידישע פאָלקס־מאַסן. פאַרקערט ווידער, די אָרדנס, וואָס האָבן זיך געגרינדעט מיט יאָרן פריער, בירגערלאַכע און אַרבעטער אָרדנס, האָבן שוין דאַן באַוויזן צו גרופּירן אַרום זיך טויזענטער מיטגלידער, וואָס האָבן געקאָנט צו יעדער צייט מאָבאַליזירט ווערן פאַר די צילן און אויפגאַבן, אין וועלכע די אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען פאַראינטערעסירט.

די גרינדער פון פאַרבאַנד האָבן אויך באַשלאָסן, אַז דער פאַרבאַנד זאָל זיין אַן אָרדן דערפאַר, ווייל יעדער איינער טראָגט פאַראַנטוואָרטלאַכקייט צו זיך און צו זיין פאַמיליע און איז אונטערוואָרפן צו פאַרשידענע טאָג־טעגלאַכע געפאַרן. ער מוז דערפאַר זיך באַזאָרגן געגן מעגלאַכע אומגליקס פאַלן. דער אָרדן דאַרף דעריבער דעם מיטגליד געבן טויטן און קראַנקן־בענעפיט, הילף אין צייט פון נויט, און אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן שטענדיג שטיין צום דינסט דעם מיטגליד און אויך דער גאַנצער פאַמיליע.

די גרינדער פון פאַרבאַנד, האָבן שאַפענדיג די אָרגאַניזאַציע, אַוועקגעשטעלט די בענעפיט צאָלונגען אויף אַ מאָדערנעם, זיכערן אופן. וויסנדיג די חסרונות פון דעם אַלטן, אָפּגעלעבטן סיסטעם, וואָס פילע אָרדנס און בענעפיט אָרגאַניזאַציעס האָבן איינגעפירט, די גלייכע צאָלונגען פון אַלע מיטגלידער, דאָס קאָלעקטירן פון די מיטגלידער אַ געוויסן אָפּצאָל אין צייט פון אַן אומגליקס־פאַל, דאָס העכערן פון די צאָלונגען יעדע עטלאַכע יאָר און פאַרשידענע אַנדערע סיסטעמען, וואָס האָבן געפירט צום אונטערגאַנג פון פילע אָרדנס און בענעפיט אָרגאַניזאַציעס — האָט מיטגעהאָלפן אַז דער פאַרבאַנד זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן אויף אַ פעסטן זיכערן פונדאַמענט, ער זאָל קיינמאָל קיין מורא ניט האָבן פאַר אונטערגאַנג, אַ סיסטעם וואָס זאָל זיין מאָדערן און זיכער אין אַלע הינזיכטן. דאָס איז אַ סיסטעם, וואָס איז געבויט אויף נאַטור געזעצן, אויף וויסנשאַפטלאַכע אויסגערעכענטע צאָלונגען, געבויט לויט דער דערפאַרונג פון שטערבלאַכקייט פון די גרעסטע פאַרזיכערונגס געזעלשאַפטן. אַ סיסטעם וואו יעדער מיטגליד צאָלט לויט זיין עלטער, אינגערע צאָלן ווייניגער, עלטערע צאָלן מער. אַ סיסטעם וואו די צאָלונגען ווערן קיינמאָל ניט געהעכערט. אויף אַזאַ סיסטעם איז געגרינדעט געוואָרן דער א. נ. א. פ. דעם טשאַרטער האָט דער פאַרבאַנד געקראָגן אין יאָר 1913 פון ניו יאָרק סטייט אינשורענס דעפּאַרטמענט. דער פאַרבאַנד אָפּערירט זינט דאַן אין פילע שטאַטן אין אַמעריקע און קענעדע. דער טשאַרטער איז איינער פון די בעסטע און איז אין פולן אַנקלאַנג מיט די לעצטע אינשורענס פאָדערונגען און געזעצן. דעם פאַרבאַנד איז דערלויבט אַרויסצוגעבן פּאָליסיס פון 100 ביז 5 טויזענד דאָלער פאַר׳ן גאַנצן לעבן, פאַר 15 און 20 יאָר (פּערמענט לאַיף), 10, 15 און 20 יאָר „אינדאַומענט“ פּאָליסיס. אַלע פּאָליסיס פון פאַרבאַנד האָבן אויך די פּריווילעגיע פון „דאָבל אינדעמניטי“ (דאָס אויסצאָלן דאָבל די סומע אין פאַל פון אַן עקסידענט); „טאָטל דיסאַביליטי“ (ווען אַ מיטגליד הערט אויף צו זיין אַרבעטספּעאיק, דאַרף ער ניט מאַכן קיין צאָלונגען און ער קריגט אַ באַשטימטע סומע מאָנאַטליך). דער פאַרבאַנד גיט אויך זיינע מיטגלידער קראַנקן בענעפיט 6, 10, 15 און 20 דאָלער אַ וואָך, געצאָלט 24 וואָכן אין יאָר. און האָט אויך פאַר זיינע מיטגלידער אַ הילפס־פאָנד צו העלפן אַ מיטגליד אין צייט פון נויט און עלטער; ער האָט די בעסטע סאַניטאַריום פאַרבינדונגען פאַר די מיטגלידער, וואָס נויטיגן אין דעם.

דער פאַרבאַנד איז אַ קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציע. דער פאַרמעגן פון פאַרבאַנד געהערט צו די מיטגלידער. אויך געהערן אַלע אינסטיטוציעס צו זיי. די מיטגלידער האָבן די פולע דעה איבער דער פאַרוואַלטונג און אין דער באַשטימונג פון די אָרגאַניזאַטאָרישע און געזעלשאַפטלאַכע פּאָליסיס פון פאַרבאַנד. דאָס ווערט געטאָן דורך צוויי־יערלאַכע קאָנווענשאַנס, וואו ס׳קומען זיך צוזאַמען פאַרטרעטער פון אַלע צווייגן פון פאַרבאַנד. דאָס איז דעם פאַרבאַנד׳ס פּאַרלאַמענט, וואָס ווערט געפירט אויף אַ העכסט דעמאָקראַטישן אופן. בעפאָר אַ געזעץ, וואָס די קאָנווענשאַן שאַפט גייט אַריין אין קראַפט מוז וועגן דעם גענומען ווערן אַ רעפערענדום אָפּשטימונג פון אַלע מיטגלידער.

דער פאַרבאַנד איז ניט בלויז קיין אָרדן וואָס באַזאָרגט זיינע מיטגלידער מיט די בעסטע בענעפיטן, ווי אויבן אויסגערעכנט. דער פאַרבאַנד איז אויך אַ וויכטיגע געזעלשאַפטלאַכע און קולטורעלע קערפּערשאַפט. ער פאַרנעמט אַ חשוב׳ן אָרט אין אידישן לעבן אין אַמעריקאַ און אין דער גאַנצער וועלט.

דעם פאַרבאַנד׳ס קולטורעלע און דערציערישע טעטיגקייט האָט זיך אָנגעהויבן גלייך ביי דער גרינדונג. אויף דער ערשטער קאָנווענשאַן האָט דער פאַרבאַנד פּראָקלאַמירט די גרינדונג פון מאָדערנע אידישע פאָלק־שולן. ער האָט צוזאַמען מיט די פּועלי־ציון געגרינדעט די ערשטע אידישע פאָלק־שולן (דאַן נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן) וואָס איז געווען די ערשטע אידישע שול פון דעם טיפּ איבער דער גאַנצער וועלט. דער פאַרבאַנד האָט גלייך ביי זיין גרינדונג געזוכט צו געבן אַן ענטפער די אידישע מאַסן אויף די אָנגעווייטאָגטע דערציאונגס פּראָבלעמען פון׳ם אידישן קינד דאָ אין לאַנד. די למודים אין דער שול האָבן איינגעשלאָסן די אידישע און העברעאישע שפּראַכן און ליטעראַטורן; די פייערונג פון אידישע און אַרבעטער יום־טובים; דאָס לערנען מיט די קינדער אידישע געשיכטע און געשיכטע פון דער אַרבעטער באַוועגונג; געזאַנג, שמועסן וועגן וויכטיגע אידישע און אַרבעטער פּאַסירונגען — אַלץ וואָס האָט אַ לעבעדיגן אינטערעס פאַר אַ נאַציאָנאַל פּראָגרעסיוון אידן איז איינגעשלאָסן אין פּראָגראַם פון למודים אין די אידישע פאָלק־שולן.

די פאַרבאַנד שולן, וואָס ווערן געלייטעט פון אַ צענטראַלן שולן קאָמיטעט, זיינען איצט פאַרצווייגט אין אַ גרויסע צאָל שטעדט אין די פאַראייניגטע שטאַטן און קענעדע, אין וועלכע עס לערנען איבער 5 טויזענט קינדער. אין די שולן זיינען איינגעשלאָסן עלעמענטאַר שולן, מיטל־שולן און אויך קינדער־גאָרטנס. די שול באַוועגונג האָט אַרויסגעגעבן פילע ביכער, כרעסטאָמאַטיעס, גיט אַרויס אַ קינדער־זשורנאַל „קינדער־וועלט“; האָט איצט קינדער קעמפּס אין פאַרשידענע שטעט איבער׳ן לאַנד, וואו אַ גרויסע צאָל קינדער פאַרברייננגען די זומער חדשים און קריגן אַ נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע דערציאונג.

אַ דאַנק דער גרינדונג פון די ערשטע שולן פון פאַרבאַנד איז די אידעע פון אַ מאָדערנער אידישער דערציאונג אַריינגעדרונגען אין גרעסערע אידישע קרייזן אין אַמעריקע. ס׳האָבן אויך אָנגעהויבן צו



חבר שמואל שערמאַן

## ביאָגראַפיע פון חבר שערמאַן.

חבר שערמאַן איז געבוירען געוואָרען צוריק מיט 45 יאָר, אין אַ קליין שטעדטעל אין רוסלאנד, ביי אַן ארבעטער פאַמיליע. צו 15 יאָר האָט ער שוין דערפילט דעם טעם פון דער פאַבריק, און וואָס אַן אַר־בעטער האָט געהאַט אויסצושטיין יענע צייט. אַלע זיינע ברידער זיינען דעמאָלט געווען בונדיסטען, אָבער ער האָט זיך באַלד אָנגע־שלאָסען אין דער פּועלי־ציון פּאַרטיי.

צוריק מיט 24 יאָר איז ער געקומען קיין אַמעריקא, וואו ער האָט געאַרבעט ביי פּיעלע פאַכען, ביז ער האָט זיך אויסגעלערנט די מלאכה פון אַ שניידער. באַלד נאָך זיין אָנקומען, האָט ער זיך אָנגעשלאָסען אין די היגע פּועלי־ציון, איז גלייך געוואָרען אַקטיוו, און האָט פאַרנו־מען אַ חשוב'ען פּלאַץ אין דער באַוועגונג.

ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסע נייגונג צו־טעאַטער, און ער האָט געהאָלפען דורכפירען פּיעלע „דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען". ער איז געווען איבערגעגעבען דער פּועלי־ציון באַוועגונג מיט זיין גאַנצער נשמה.

צוריק מיט עטליכע יאָר האָט ער און זיין געטרייע פרוי באַזוכט ארץ־ישראל, פון וואַנען ער איז צוריקגעקומען שטאַרק באַגייסטערט, און ער האָט געמאַכט אַלערליי פּלענער אויף צוריק צו פאָרען און באַ־זעצען זיך דאָרטען, און העלפען פאַרווירקליכען דעם אידעאַל וואָס איז ביי אים הייליג געווען.

ביי יעדער פּועלי־ציון שמחה איז ער געווען דער וועלכער האָט אריינגעגעבען לעבען און פרייד צו אַלע אַנוועזענדע.

ער איז אויך געווען פון דער ערשטער גרופּע זיך אָנצושליסען אין דעם אידיש־נאַציאָנאַלען ארבעטער פאַרבאַנד, און איז געווען פּיעלע מאָל טשערמאַן פון דעם היגען ברענטש, פאַר וועלכען ער האָט גע־אַרבעט מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג. ער איז אויך געווען דער דעלעגאַט צו דער לעצטער פאַרבאַנד קאָנווענשאַן, וואו ער איז קראַנק געוואָרען.

די פּועלי ציון און דער פאַרבאַנד בכלל, און די היגע ברענטשעס בפרט, האָבען אין אים פאַרלאָרען אַ געטרייען חבר, וועלכער איז תמיד גרייט געווען מיט זיין אידעאַליזם צו דינען דער באַוועגונג. די חברים האָבען אין אים פאַרלאָרען אַ געטרייען חבר און פריינד.

עהרע זיין אנדענקען!

## לידער פון אַ חבר

(צוויי פון די ניט געדרוקטע לידער, וואָס זיינען פאַרבליבען
פון אונזער חבר שמואל שערמאַן)

1

איך בין נעקומען אין לעבען
ניט אויפ'ן ריכטיגען פּלאַץ —
ס'איז פאַרשפּאַרט מיינע וועגען,
ס'ווערט צוריסען מיין האַרץ.

ווען איך טראַכט פון די יאָרען,
וואָס זיינען אַוועק ווי אַ רויך,
און אַלעס וואָס כ'האָב פאַרלוירען,
ווערט מיר טונקעל אין מח.

וועל איך אַמאָל געפינען
דאָס וואָס מיר פעלט —
צו קאָנען רוהיג לעבען,
אין אַ שענערע וועלט?

2

מיין וועלט איז אַ ווינטער, אַ גרויסער, אַ קאַלטער,
זי איז פאַר מיר מיט וואָלקענס פאַרשטעלט;
איך האָב נאָך קיין אמת'ע פרייד
ניט געהאַט אין מיין איינזאַמער וועלט.

וועט ווען די זון צוברעכען די וואָלקענס
די שווערע, וואָס הייננגען איבער מיר?
און ברייננגען אַביסעלע טרייסט פאַר מיר אויכעט,
און היילען מיין האַרץ וואָס דריקט אָהן אַ שיעור.

וועט קומען אַ פריהלונג, מיט פרייד און מיט גליק,
פאַר מיר אין מיין איינזאַמען לעבען,
און צוטרייבען די כוואַליעס וואָס דינגלען ארום,
און באַלייכטען מיין וועג אין לעבען.

## די שבועה

מיר שווערען, מיר שווערען, מיר שווערען
אַ שבועה פון בלוט און פון טרערען,
אַז הימעל און ערד זאָל אונז הערען,
און עדות די ליכטיגע שטערען.

מיר שווערען, מיר שווערען, מיר שווערען,

מיר הויבען די הענט קעגען מזרח און שווערען,
ביי ציון, אין פאַן, ביי איר הייליגער ערד —
ביי אַלעס וואָס טייער, וואָס הייליג מיר ערען,,
ביי אונזערע העלדענס צובראָכענעם שווערד.

(צוויי מאָל)

ברידער און שוועסטער, גענוג שוין צו ליידען,
גענוג שוין, גענוג שוין אין גלות צו פאַרבלייבען;
מוטהיג, מוטהיג, אין קאַמף פאַר דער פרייהייט,
מוטהיג, מוטהיג, צום הייליגען קאַמף!

האָט געזאָלט זיין „בר־כוכבא“. גדליה׳ן, ווייל ער פינטעלט מיט די אויגען און שאָקעלט צו מיט דער גאָמבע, האָט מען צוגעמאַכט אַ געל בערדעל און ער איז געוואָרען „פּאַפּוס“. דעם העכסטען און שטאַרקסטען יונג האָט מען אויסגעזוכט פון דער חברה און געמאַכט פאַר׳ן „צעזאַר“.

געפעהלט האָט נאָך אַ „דינה“. האָט לייבעל פאָרגעשלאָגען שבת אין וואַלד, אַז יעדער יונג זאָל זיך מתחייב זיין עפּעס צו געבען אויף אַ „דינה“ און מען זאָל אויסשרייבען אַ „דינה“ פון לאָדז...

צו מאָרגענס איז גדליה קלאָרגעט מיט לייבעל היטעל־מאַכער ארומגעגאַנגען אין אַלע ווערקשטעלען און האָבען צוזאַמענגענומען אויף אַ „דינה“. און אַז עס האָבען זיך צוזאַמענגענומען אַ פּאָר גילדען, האָט לייבעל מיט לייזער שפּידיטער מיטגעשיקט אַ בריוועל מיט אַ פּאָר גילדען קיין לאָדז, און פרייטאָג אויף שבת איז אַראָבגעקומען אין שטעדטעל אריין אַ „דינה“.

האָט זיך מיט אַמאָל געוויזען אין שטעדטעל „אַ מיידעל מיט אַ קורץ קליידעל“, וועלכע האָט געטראָגען אַ פּאָר ראָזע שטרימף, וואָס זיינען געווען ווי ארויפגעגאָסען אויף איהרע דינע, נאָר זעהר געשיקטע פיסלעך, אויף די פיסלעך אַ פּאָר רויטע פּאַנטאָפעלעך מיט הויכע קלאָטצען; און געטראָגען האָט זי אַ רונדיגעם שטרויענעם מעגישעם קאַפּעלושעל אויף איהרע קורץ געשוירענע האָר. דערצו נאָך אַזעלכע בראָשקעלעך, מיט בראַנזעלעטלעך... און אַ גאַנצע חברה מיידלעך מיט יונגלעך זיינען איהר נאָכגעלאָפען און געטייט אויף איהר מיט די פינגער: אַ דינה! אַ דינה!

איינגעשטאַנען איז „די דינה“ ביי גדליה קלאָרנעט אין צווייטען שטיבעל. חברה פון דער טרופּע זיינען געקומען צו איהר מיט אַ „וויזיט“, און מיטגעבראַכט מיט זיך פאַר „די דינה“ פּרעזענטען: ווער אַ שטיקעל שמעקעדיגע זייף, אַ „פלעשעל פּערפאָמע“, אָדער פּיער לויט „לאַנדאַרין־צוקערלעך“. „די דינה“ איז זיך געזעסען אויף אַ קאַנאַפּעלע און זי האָט ארויסגעוויזען די ראָזע „שטרימף“ פון קורצען קליידעל.... ביי איהר איז געשטאַנען אַ רונדעם טהיי־טישעל און אויף דעם טישעל איז געלעגען אַ „העכסט אינטערעסאַנטער ראָמאַן“. אין האַנד האָט זי געהאַלטען דאָס קלאַפּערעל און צוגעקלאַפּט זינגענדיג דאָס ליעד פון „די דינה“ און „בר־כוכבא“:

„אַזוי לאַנג ווי די זאַנג איז יונגער,<br>„איז דער קאָרען מאָגער, גרינגער;<br>„אַזוי לאַנג ווי די זאַנג איז יונגער,<br>„לאָזט מען זי צורוה....“

איז אריינגעקומען אַ יונג, האָט ער זיך געגעבען אַ פערנייג און ער האָט זיך אַזוי פאָרגעשטעלט:

— האַבע די עהרע מיך פאָרצושטעלען נאָטע שאַבשאָוועטץ.

— זעהר מיר אנגענעהם — האָט זי געזאָגט און האָט די הענד צו איהם אויסגעשטרעקט.

דער יונג איז רויט געוואָרען און האָט זיין פּרעזענט אנידערגעלעגט אויפ׳ן טהיי־טישעל, זיך אנידערגעזעצט און אָנגעהויבען „שפּרעכען“ וועגען דרייפוס׳ן....

און אין שטעדטעל האָט זיך אָנגעהויבען אַ גערודער, זאָל גאָט אָבהיטען. פון אַלע שופלאָדען האָט מען געלד גע׳גנב׳עט צו קויפען פּרעזענטען פאַר „די דינה“; חתנים האָבען כלות אוועקגעוואָרפען און געקומען מיט „וויזיטען“ צו „די דינה“, קינדער האָבען פון די מאַמעס פאַרטיכער געלד ארויסגע׳גנב׳עט און געקליבען אויף בילעטען. און די גאַנצע שטאָדט יונגען, אַזוי גרויס ווי קליין, האָבען זיך אַלע איינגעליעבט אין „די דינה“, אוועקגעוואָרפען די ארבייט און גדליה קלאָרנעט׳ס שטוב בעלעגט, און געזונגען ליעדער....

די שטאָדט איז געוואָרען אונרוהיג, ביז עס האָבען זיך געפונען צוויי בעלי־בתים און האָבען איינגערוימט אַ סוד אין אויער דעם שטאָדט־סטראַזשניק, אַז עס איז געקומען צו פאָהרען „אַ דינה“, יונגען גענהמען געלד צוזאַמען, און שבת וועלען זיי אין וואַלד עפּעס אַ יונג פאַר אַ קעניג מאַכען....

דערווייל האָבען זיך די חברה פאָרגעברייט צו מאַכען דעם קינפטיגען שבת די גענעראַל־פּראָבע אין „פּעלנאָ פאָרם“. באַלד נאָכ׳ן מיטאָג איז מען זיך צוזאַמענגעקומען. אויף אַ בערגעל אין וואַלד איז געווען די סצענע. אַרום האָט זיך אויסגעשטעלט דער „חאָר“ און האָט געגעבען אַ זאָג אָב אַ שטיקעל מיט׳ן „קנאַס“; דערנאָך איז אַ געהאַרויס דער הויכער יונג מיט דער קאַסקע אויפ׳ן קאָפּ און אַ רויטען לאַמפּאַס איבער די קאַפּאָטע. די יונגען האָבען איהם געגעבען אַ זעץ אנידער אויף דעם טהראָן, וועלכער איז געמאַכט געוואָרען פאַר׳ן „קעניג צעזאַר“. פאַר דעם קעניג האָט זיך געגעבען אַ שטעל אנידער „בר־כוכבא“ מיט אַ גרויסען שווערד אין דער האַנד. אין אַ צווייטען ווינקעל איז דערווייל געשטאַנען גדליה קלאָרנעט מיט אַ געל אָבגעפאַרבט פּנים און האָט חנ׳דעלעך געמאַכט צו „דער דינה“, וועלכע איז געווען אָנגעטהון אין אַ קורץ קליידעל מיט אַ קרוין אויפ׳ן קאָפּ...

עס האָט זיך אָנגעהויבען דאָס ריכטיגע שפּיעל. בר־כוכבא האָט געגעבען אַ טרעט אַרויס פאַר׳ן קעניג און געגעבען אַ מאַך אַזוי:

„איך בין בר־כוכבא, דער יודישער העלד,<br>פאַר מיר טהוט ציטערן גאַנצע וועלט.“

דאָ איז אָנגעקומען צו לויפען דער סטראַזשניק אין וואַלד אריין. לייבעל היטעל־מאַכער, אונזער בר־כוכבא, האָט אוועקגעוואָרפען די שווערד און געמאַכט פּליטה, נאָך איהם די חברה מיט׳ן קעניג, מיט די מיניסטאָרען און מיט דעם גאַנצען קלאַפּער־געצייג. זיי האָבען נאָך זיך איבערגעלאָזט „די דינה“. דער סטראַזשניק האָט זי געחאַפּט מיט דער שווערד אין דער האַנד, און האָט זי געפיהרט אין וואַך אריין.

„דינה“ איז געזעסען אין וואַך, און יונגען האָבען זיך פאַר׳ן פענסטעריל געדרעהט און אַהין אריינגעוואָרפען צוקערלעך מיט שאָקאָלאַדקעס, און זי האָט פון וואַך־פענסטעריל ארויסגעזונגען „דאָס ליעד פון די געפאַנגענע“....

דערנאָך אַז מען האָט „די דינה“ מיט׳ן עטאַפּ אָבגעשיקט קיין לאָדז, האָט גדליה קלאָרנעט פערפאַסט אַ ליעד אויף דעם, וועלכעס האָט געהייסען דאָס ליעד פון „די דינה“, און עס האָט זיך אָנגעהויבען ווי אַלע אנדערע ליעדער:

„הערט אוים איהר מענשען פון דער וועלט<br>וואָס האָט זיך געטהון פערלויפען...“

מיט דעם ליעד האָט מען קינדער איינגעשלעפערט אין יענע קאַנטען אַ צייט מיט יאָהרען, ביז עס האָט זיך ניט געמאַכט די סבה פון דער „דעטרונקענער כלה“, פון וועלכער גדליה קלאָרנעט האָט פערפאַסט אַ הערליך ליעד, וואָס האָט געהייסען „דאָס ליעד פון דעם געשטאָרבענעם אנגעל“.

---

## א נ ן

אנו באנו ארצה<br>לבנות, ולהבנת בה.

## ג מ ל

גמל־גמלי, גמל־גמלי<br>חבר אתה לי בזיפזוף<br>מה טובו אוהליך יעקב<br>משכנותיך ישראל.

# א „דינה"

פון שלום אַש

צו דעם פופציג יאָריגען יובילעאום פון אונזער גרויסען דיכטער שלום אַש.

איז דער שטאָדט האָט זיך געפונען א יונגער מענש, וועלכען מען האָט גערופען גדליה קלאַרנעט. דער גדליה קלאַרנעט איז געווען א גרויסער בקי אין אַלע העכסט־אינטערעסאַנטע ראָמאַנען, וואָס געפינען זיך נאָר אין דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור. דעריבער טאַקע האָט ער זיך געמאַכט נאָך דער חתונה א „שטיבעל", ד. ה., ער האָט אויסגע־באָרגט ביכער צום לעזען. דאָס איז נאָך ניט געווען זיין עיקר פרנסה. פון די ראָמאַנען האָט ער זיך אויסגעלערנט שעהנע ליעבעס־בריעף שרייבען; זיינען געקומען צו איהם פערליעבטע מיידלעך און פער־ליעבטע בחורים, ליעבעס־בריעף לאָזען שרייבען. א פּראָסטער ליעבעס־בריעף האָט געקאָסט צוואַנציג גראָשען, נאָר גאָר א העכסט טראַגישער ליעבעס־בריעף, למשל, אז דער פערליעבטער זאָגט אָב ודוי פאַר זיין „אנגעל" איידער ער נעהט זיך הענגען, וואַרפען זיך אין וואַסער אריין, האָט געקאָסט א גילדען. ווייטער האָט זיך געפונען ביי איהם א פאָנאָ־גראַף, וואָס האָט געהאַט צוועלף רעהרען, און פאַר א צווייער האָט מען געקריגען צוויי רעהרען און מען האָט געהערט דאָס ליעד: „וואָס וועט זיין ווען משיח וועט קומען". אויסער דעם האָט גדליה קלאַרנעט גע־לערנט בחורים „נאָטען" אויף פיעדעל שפּיעלען.

דער גדליה קלאַרנעט האָט געהאַט א טבע, אויף אַלעס, וואָס האָט זיך פערלאָפען אין שטאָדט, צו פערפאַסען א ליעד אויף צו זינגען: האָט א חתן די כלה אַוועקגעוואָרפען, האָט מען די מקוה פער'חתמעט און די ווייבער זיינען געקראָכען איבער'ן דאַך — איז שוין געוואָרען פערפאַסט א ליעד. יעדעס ליעד האָט זיך אזוי אָנגעהויבען!

„הערט אוים מענשען פון דער גאַנצער וועלט
וואָס האָט זיך געטהון פערלויפען..."

ביי איהם זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע קאַמאַשען־מאַכערס און שניידער־געזעלען, וואָס האָבען גענומען ביכער צום לעזען, — פלעגען זיי זיך דאָס ליעד אויסלערנען, און דאָס ליעד פלעגט שוין באַלד אין שטאָדט פערשפּרייט ווערען: קינדער האָט מען דערמיט איינגעשלע־פערט, דאָס קלאַפּעריי פון נעה־מאַשינען האָט עס פערשטיקט. און נישט איינמאָל האָט זיך געטראָפען, אז מען האָט גדליה'ן טאַקע די ביינער אונטערגעהאַקט פאַר אַזעלכע ליעדער, נאָר עס האָט גאָרנישט געהאָלפען, ער האָט שוין געהאַט אזא טבע....

איז אַראָבגעקומען פון לאָדז צופאָהרען אין שטעדטעל אריין ליי־בעל היטעל־מאַכער, אַן אַכטצעהן־יעהריגער בחור פון גדליה קלאַרנעט'ס חברה. ער האָט מיטגעבראַכט פון לאָדז א היטעל מיט א קליינער דענגע; א פּאָר געקנייטשטע שטיוועלעך לויט די נייעסטע מאָדע, וועל־כע האָבען געטהון אויך סקריפּען, און א נייעס ליעד, וועלכעס הייסט „אויף דער בריק". אין דעם ליעדעל ווערט „פּויערגעזונגען", ווי א מיי־דעל געזעגענט זיך אָב „מיט איהר ניי־געבוירען קינד", „וועלכעס איז געקומען איבער אונשולדיגע זינד", און די יונגע מוטער לאָזט עס איבער איינס אַליין ביי דער בריק. דאָס ליעד האָט א גרויסען רושם אָנגע־מאַכט אין דער שטאָדט: מיידלעך האָבען פיעל טרעהרען דעריבער פערגאָסען, און בחורים האָבען זיך א גרויסען מוסר אַראָבגענומען...

„און די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען אין א רויט געשטאַלט",
„און דער הימעל האָט זיך געהילט אין א פינסטער קלייד". „דאָס שטעדטעל איז זיך שוין געגאַנגען שלאָפען לעגען" און פאַר גדליה קלאַר־נעט'ס טהיר זיינען געזעסען חברה קאַמאַשען־מאַכערס מיט נייטאָרינס, גדליה קלאַרנעט'ס ביכער־לייענערס, און איבער דעם שלאָפענדיגען שטעדטעל האָט געקלונגען אזא ליעד:

„געהט דער גראַף אין וואַלד אַליין,
„טרעפט ער א מיידעל ביים בוים שטעהן.
„ — מיידעל'לע, מיידעלשי,
„וואָס טהוסט דו אין וואַלד אריין?
„איך בין געגאַנגען אין וואַלד אריין,
„און ווייס ניט וואו אהיים צו געהן..."

צווישען דער חברה איז אויך געווען לייבעל היטעל־מאַכער. ער האָט זיי פערצעהלט פון לאָדזשער יודישען טהעאַטער, אז ער איז דאָרט א גאַנצער מאַכער; ער קען זיך מיט די ארטיסטקעס און מיט די אר־טיסטען. און ווי מען הויבט נאָר אָן שפּיעלען, איז ער שוין הינטער די סצענע... און אזוי ווי מען האָט געשמועסט פון יודישען טהעאַטער, האָט א יונג פאָרגעשלאָגען, אז מען זאָל אַליין מאַכען אין שטעדטעל א „טרופּע" און מען זאָל אָבשפּיעלען דאָס שטיק „בר כוכבא". דעם עולם איז דער פּראָיעקט זעהר געפעלען, און עס איז געוואָרען בע־שטימט, אז מען זאָל מאַכען „קוויטלעך"; יעדעס „קוויטעל" פאַר פינף קאָפּעקען און דאָס געלד וועט געהן אויף די טרופּע.

יעדען שבת נאָכ'ן עסען זיינען זיך חברה צוזאַמענגעקומען אין שטאָד'סט וואַלד אריין, די קאַפּעל־מייסטער זיינען טאַקע געווען לייבעל היטעל־מאַכער מיט גדליה קלאַרנעט, וועלכע האָבען אויסגעלערנט דעם עולם די „שטיקלעך", וואָס דער „חאָר" דאַרף זינגען. לייבעל אַליין

---

זעהט איר, גראָדע די פּאָליטישע גזרות, האָבען באַשטעטיגט אונ־זער שטענדיגע אומרוה, די זאָרג אז די לאַגע איז ערנסט, „זעהר ערנסט", ווי עס חזר'ט שטענדיג איבער פנחס רוטענבערג. האָט די אומרוה טרייבט אונז אויך צו אייך, אייך וועקען פון שלאָף, פון אַפּאַ־טיע און נאַכלאַזיגקייט. אייך דערציילען אז גראָדע איצט איז די צייט פון אַרבעט; פון פּראַקטישע אַרבעט, ניט נאָר ריידעריי און פּראָ־טעסטען. מיר זיינען אייך געקומען דערמאַנען אָט די פייערליכע פאַרשפּרעכונג, וועלכע איר האָט אַלע געגעבען אויף די פּראָטעסט מיטינגען נאָך דער ערשיינונג פון „ווייסען פּאַפּיר". איר האָט אַלע פייערליך נאָכגעשריגען נאָך די רעדנער — „מיר ווילען פאָרזעצען אונזער אַרבעט מיט מעהר מוטה און עקשנות!" נו, האָט איר דאָס געמיינט ערנסט? ווייסט איר, אז מיט פּראָטעסטען אַליין קען מען קיין לאַנד ניט בויען? ווייסט איר, אז מיט פּראָטעסטען אימיגרירט מען ניט קיין חלוצים, וועלכע געפינען זיך אין די טויזענדער איבער גאַנץ אייראָפּא? מיט פּראָטעסטען בויט מען ניט קיין קאָלאָניעס, העלפט מען ניט דער אינדוסטריע. ניין, איר זייט אויפגעפאָדערט צו רעאַלע מעשים! דער ישוב אין ארץ־ישראל האָט זיין פליכט ערפילט, אין די שווערסטע מאָמענטען האָט ער איינגעהאַלטען זיינע פּאָזי־ציעס מיט ווירדע און שטאָלץ פאַר דעם גאַנצען אידישען פאָלק. עקס־פּלוטירט־זשע ניט צופיעל די אָפּפערוויליגקייט פון ישוב. קומט איס צו הילף אין דער פאַרווירקליכונג פון אונזער אַלעמענס אונטער־נעמונג.

דער אידישער אַרבעטער און זיין הסתדרות זיינען די וויכטיגסטע און באַדייטענדסטע פאַקטאָרען אין דעם ארץ־ישראל ישוב. ער איז ניט דער אַרבעטער וועלכער זאָרגט נאָך פאַר זיינע טאָג טעגליכע אינ־טערעסען, ער טראָגט אויף זיך די זאָרג פון אויפלעבען דאָס פאָלק און זיין לאַנד. ער איז דער טרעגער פון דער אידישער קולטור אין באַנייטען אַלטען לאַנד. ער איז דער ערשטער אין די רייען אויף צו פאַרטיידיגען דעם אידישען כבוד, אין דער צייט ווען שונאים און געג־נער זוכען אים צו פאַרשוועכען. אונזער כח איז די אמונה אין פאָלק און זייער ליבע צום לאַנד, וועלכע איז ניט איבערגעריסען געוואָרען טראָץ דעם צוויי־טויזענד יאָריגען גלות. אָט די ליבע דאַרף איצט פאַרוואַנדעלט ווערען אין טהאָט און אין שאַפען. עס איז אייער איצטיגער חוב!

יוסף בראַץ.

# צום דריטען סדר

פון שלמה לייטמאַן

צום סדר, דעם דריטען
וועלען מיר ווידער קומען,
מיט'ן ווילען דעם גוטען,
מיט מוט און מזומן.

ס'וועט אונז קיין קראַך . . .
און קיין קריזיס נישט שרעקען
אָנצופיהרען דעם קאַמפּיין,
דעם עולם צו וועקען.

צו שטיצען די חלוצים
מיט דער פולער האַנט,
אין זייער הייליגער אַרבעט
ביים בויען דאָס לאַנד.

ס'וועט אונז אויך ניט שרעקען
קיינע פּאַפּירען,
מעגען זיי זיין
פון וואָס פאַר קאָלירען.

וועלכע זוכען צו שעדיגען
דעם גרויסען ערפאָלג
וואָס מיר האָבען ביים בויען
די היים פאַר'ן פאָלק.

און ווילען אָפּהאַלטען
דעם שטראָם פון פּיאָנערען
און עראָבערען דאָס לאַנד
ווילען זיי שטערען.

קאָן דען דער דראַנג
פון אַ פאָלק צו זיין ערד
ווערען באַקעמפט
מיט אַ פּאַפּירענע שווערד?

פּאַפּיר איז דאָך זעהר
אַ שוואַך כלי־זיין
צו שטערען אַ פאָלק
זיך פון גלות באַפרייען.

עס איז דאָך פאַראַן
אַ לעגענדע אַ שיינע,
וואָס ווערט דערציילט
פאַר קינדער פאַר קליינע.

אַז מיר וועלען אַמאָל
האָבען דאָס גליק,
אַריבער צו געהן
אויף אַ פּאַפּירענע בריק.

און געהן וועלען מיר
פאָרווערטס! קיינמאָל צוריק,
און בויען דאָס לאַנד
פאַר אַלעמענס גליק.

# אייער איצטיגער חוב

איך האָב באַקומען עפּעס אַ שוואַכקייט וואָס אויף אַלע פאַרזאַמלונגען, אַנשטאַט אָנפאַנגען גלייך ריידען און דערציילען וועגען ארץ־ישראל, מוז איך קודם כל זיך אויסריידען מיין האַרץ דווקא איבער אונזערע אַמעריקאַנער אַנגעלעגענהייטען. די סבה איז אַ גאַנץ פּשוטע, און קיין סך גריבלען זיך בכדי זי אַנאַליזירען דאַרף איך ניט. איך בין שוין אין אַמעריקא דאָס דריטע מאָל. איך קום אין שטעדט, וועלכע איך האָב באַזוכט צוריק מיט ניין יאָר, צוריק מיט פינף, און איצט דאָס דריטע מאָל. ווען איך קוק זיך אַריין אין די פּנים'ער פון די פאַרזאַמעלטע, דערקען איך די אַלע פון אַמאָל. די זעלבע אידען, די זעלבע חברים און חברות. אַסך אַלטע זיינען אויסגעפעלט, יונגע זיינען עלטער געוואָרען, אָבער דאָך די זעלבע. און איך פרעג זיך דאַן אַליין: רבונו של עולם, פאַר די ניין יאָר זיינען דאָך אונטערגעוואַקסען אויך די קינדער, פון גאָר קליינע זיינען דאָך געוואָרען בחורים און מיידלעך, און יונגוואַרג זיינען געוואָרען דערוואַקסענע מענשען, טאָ וואו זיינען זיי די אַלע? פאַר דער צייט האָבען זיי זיך פון זייערע עלטערען אַזוי פיעל אָנגעהערט וועגען ארץ־ישראל, וועגען צרות אויף אידען, מ'האָט דאָך אַסך פון זיי אויך געשטאָפּט מיט אידיש אָדער העברעאיש, טאָ וואו זיינען זיי די קינדער? וואו איז דער דערוואַקסענער דור, פאַר־וואָס זעהט מען אים ניט אויף די פאַרזאַמלונגען? איז ער מיט אייך, זיינען די קינדער אייערע, איז דער דור אונזערער?

פאַרטראַכט איר זיך אַמאָל אויף דער פּראָבלעם? עס איז אונז זעהר וויכטיג צו וויסען, ווייל די זאָרג איז אויך אונזער זאָרג. די קינדער זיינען דאָך דער צוקונפט פון יעדען פאָלק און פון דער מענשהייט, און אוי איז דעם פאָלק וועמענס קינדער זיינען אים פאַרפרעמדט געוואָרען. . . . אַ סוף איז צו דער באַוועגונג וועלכע האָט ניט קיין יורשים, וועלכע האָט ניט קיין יוגענט. אין דעם זין איז קיין ענדערונג ניט פאָרגעקומען אין אַמעריקא, אַבוואָהל אין אַלגעמיין שטייען מיר אויך אין דעם לאַנד ניט אויף איין פּלאַץ.

פאַר דער צייט האָט עפּעס פּאַסירט אין אידישען לעבען, וועלכעס האָט אויפגערידערט די אַמעריקאַנער אידען. דער קריזיס, וועלכען איר לעבט דאָ דורך, קלאַפּט אין די טירען און די פענסטער; ער טרייבט דעם מענשען צו פאַרטראַכטען זיך אויף זיין גורל און זיין צוקונפט; און יעדער דיינקענדער מענש אָט גלייך דערפילט, אַז דער איצטיגער קריזיס האָט אונז אידען באַזונדערס געטראָפען, ווייל מיר האָבען קיין באָדען ניט אונטער אונזערע פיס, ווייל מיר האָבען קיין יסוד ניט, ווייל מיר לעבען פון לופט. און אידען האָבען גאַנץ ערנסט זיך פאַרביינקט נאָך באָדען, נאָך אַ לאַנד, נאָך אַ היימאַט! און איך וועל אייך גאַנץ ערנסט דערציילען, אַז ווען מיר זאָלען דאָ אָנפירען אַ קאַמפּיין צו פאָדערען קיין ארץ־ישראל, וואָלטען מיר געהאַט אַ גרעסערען ערפאָלג ווי אין אַ קאַמפּיין צו מאַכען געלט פאַר ארץ־ישראל. . . . און די פראַגע פון עמיגראַציע פון אַמעריקא קיין ארץ־ישראל פאַר אונזערע חברים איז זעהר אַן ערנסטע. מיר, די הסתדרות אין א"י, וועלען דאַרפען געבען אַ ענטפער אויף דער פּראָבלעם.

אָבער טראָץ דעם וועל איך ניט פאַרלייקענען — דער קאַמפּיין פון די געווערקשאַפטען איז ניט דער לעצטער . . . מיר וועלען נאָך לאַנג, לאַנג דאַרפען אָנקומען צו אַמעריקא און אויך צו אַנדערע לענדער, וואו אידען געפינען זיך, נאָך הילף צו בויען ארץ־ישראל. נאָך לאַנג, לאַנג, כל עוד עס וועט עקזיסטירען דער אידישער גלות, כל עוד ארץ־ישראל וועט זיך געפינען אין פּראָצעס פון אויפבויען. ארץ־ישראל געפינט זיך אין דעם פּראָצעס, שטעלט זיך ניט אָפּ אויף איין מינוט. זאָגאַר אין דעם יאָר פון פּאָליטישע גזרות איז ארץ־ישראל געבויט געוואָרען. אין דעם שלעכטען יאָר איז אַריינגעקומען קיין א"י עטליכע טויזענד אידען, און דעם יאָר איז צוגעקומען נייע שטחים לאַנד, עס איז צוגעקומען נייע ישובים, נייע קולטורעלע אַנשטאַלטען— מיר שטייען ניט אויף איין פּלאַץ.

# די אויפבוי אַרבעט אין ארץ ישראל ווערט פאָרגעזעצט!

(במקום א באגריסונג צו אונזערע פראָווידענסער חברים, לכבוד דער אויסגאבע פון דעם יערליכען „פסח בלאַט")

פון א. העמלין
נאַציאָנאַלער סעקרעטאר פון געווערקשאפטען קאמפיין

די אויפבוי ארבעט אין ארץ ישראל ווערט פאָרגעזעצט מיט גרויס ענערגיע און פעסטער ענטשלאָסענהייט, טראָץ די אַלע שוועריגקייטען וועלכע דער אידישער ישוב האָט דורכגעלעבט אין לויף פון די פאַרגאנגענע יאָרען. דאָס איז דער ערשטער גרוס וועלכען מיר ברענגען צו אונזערע פראָווידענסער חברים און פריינד לכבוד דעם אָנפאַנג פון דעם יערליכען קאמפיין פאַר די אָרגאַניזירטע אידישע ארבעטער אין ארץ ישראל.

היינטיגס יאָר קאָנען מיר שוין אביסעל ריידען פון דער אייגענער ערפאַרונג. מיר האָבען געהאַט דעם גרויסען כבוד צו באזוכען ארץ ישראל אַלס מיטגלידער פון דער אמעריקאַנער ארבעטער דעלעגאַציע. מיר האָבען געזעהן דאָס ליכטיגע און עהרליכע לאַנד, וועלכעס פאַרנעמט אַזא חשוב'ן פּלאַץ אין דער גאַנצער וועלט, און אַזא טיפען אָרט אין הארץ פונ'ם אידישען פאָלק. מיר האָבען נאָר באדויערט וואָס אונזער דעלעגאַציע איז געווען אַזא קליינע. געוואָלט האָט זיך אונז, אַז אונזערע טוער פון נאָענט און ווייט זאָלען אויך געניסען דעם זעלביגען גליק; און וואָלטען זיי דאָס לאַנד געזעהן, וואָלטען זיי געאַרבעט מיט מער פיבער און איבערגעבענהייט ווי ביז איצט.

צו באזוכען ארץ ישראל איז א זעלטענער נחת און גליק. אריינפאָרענדיג אין לאַנד פילט איר זיך, קודם כל ביי זיך אין דער היים. עס ווערט אראָפּגעוואָרפען פון אייערע פּלייצעס די באהאַלטענע מורא און שרעקעדיגקייט פון „וואָס וועט זאָגען מיין שכן?" און ווי אַזוי וועט ער קוקען אויף מיינע מאַנירען און אויף מיר זעלבסט. דאָרט, אין ארץ ישראל, פילט איר זיך פאָלקאָם פריי און אומאָפּהענגיג. איר פילט דעם גרויסען נחת פון טרעטען מיט די פיס אויף אייער אייגענעם באָדען. איר פאַרזוכט דאָרט דעם טעם פון א פאָטערלאַנד, און דער טעם איז אַזוי זיס, אַז איר קענט אים בשום אופן ניט איבערגעבען אָדער איבערזעצען עס. מען מוז עס אַליין פאַרזוכען.

דאָן, צו זען דאָס בילד פון דער ענערגישער בוי ארבעט וואָס גייט אָן איבערן גאַנצען לאַנד, צו זען טויזענטער ארבעטס הענט וועלכע פירען דעם אַקער־אייזען און דרייען אונזערע מאַשינען. צו זען דעם מוסקעל־קראַפט פון א גרויסער מחנה פון 30,000 ארבעטס מענער און פרויען, וועלכע דרייען דעם ראָד פון אונזער געשיכטע און בויען ארץ ישראל טאָג־איין, טאָג־אויס. אין די דערפער וואַקסט אונזער לאַנדווירטשאַפט, און עס קומען צו אַלץ נייע צווייגען און נייע באגרינטע פעלדער. אין די שטעדט בויען זיך בנינים, פאַבריקען, און גרויסע אונטערנעמונגען; און טראָץ די שווערע צייטען, טראָץ די אַלע ווייסע פּאַפּירען, ווערט אויף קיין איין האָר ניט געמינדערט די ענערגיע און ארבעטס־קראַפט פון דעם נייעם ארבעטענדען אידישען ישוב, וועלכער לעבט זיך איין אין ארץ ישראל און שאַפט דאָרט א באָדען אונטער זיינע פיס און א זיכערע צוקונפט פאַר דעם גאַנצען פאָלק.

און אין דעם גאַנצען פּראָצעס פון דעם אויפבוי, איז א באזונדער פרייד צו זען דאָרט אונזערע אידישע ארבעטער און זייער וואונדערבאַרע אָרגאַניזאַציע, די „הסתדרות". דאָס איז ניט נאָר אַן ארבעטער אָרגאַניזאַציע, עס איז שוין איצט אַן ארבעטער רעפּובליק אין מיניאַטור. די „הסתדרות" מיט אירע יוניאָנס, מיט אירע צאָלרייכע קאָאָפּעראַטיווען אין שטאָדט און אין דאָרף, מיט אירע שולען און קולטור אַנשטאַלטען, מיט איר מוסטערהאַפטער קראַנקען קאַסע, מיט איר טעגליכער צייטונג און אַנדערע אויסגאַבען, מיט איר ארבעטער באַנק, קרעדיט קאַסע, פאַרזיכערונגס געזעלשאַפט, פרויען אינסטיטוציעס, יונגענט אָרגאַניזאַציע, ספּאָרט פאַרבאַנד — מיט די אַלע צווייגען און צווייגעלאך, וועלכע נעמען ארום דעם גאַנצען לעבען פון דעם אידישען ארבעטער, פון דעם ניי־געקומענעם חלוץ, און פון דער וואַקסענדער יוגענט. דאָס איז א פעסטער פונדאַמענט אויף וועלכען עס וועט זיך בויען א וואונדערבאַרע ארבעטער געזעלשאַפט, וועלכע וועט גאַנץ מאַכען דעם רוקענביין פון אונזער פאָלק און וועט פאַרנעמען א חשוב'ן פּלאַץ אין דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער באוועגונג און אין דער געשיכטע פון באפרייטע נאַציאָנען.

און עס איז געווען פאַר אונז גאָר א באזונדער נחת־רוח צו פילען, אַז אָט אין דער גרויסער אויפבוי ארבעט וואָס האָט זיך אנטפּלעקט פאַר אונזערע אויגען, האָבען מיר, די אַמעריקאַנער חברים און פריינט, אויך עפּעס ביינעטראָגען. דורך אונזער געווערקשאַפטען קאמפיין האָט די הסתדרות געבויט און באַפעסטיגט אירע אינסטיטוציעס, אויסגעברייטערט אירע פאַרשידענע ארבעטען, און האָט געקענט ווערען דער וויכטיגסטער כח אין דעם גאַנצען אויפבוי פון לאַנד. עס איז דער גרעסטער גליק פאַר א באוועגונג צו קענען זאָגען, אַז מיר האָבען ניט אומזיסט געאַרבעט, און אַז די ענערגיען וואָס מיר האָבען אוועקגעלייגט במשך פון די פאַרגאַנגענע צענדליג יאָר, איז ניט אוועק לאיבוד און האָט געבראַכט גרויס נוצען און ערמוטיגונג פאַר אַזא ארבעטער באוועגונג, וועלכע איז איצט אונזער גרעסטע שטאָלץ און האָפנונג.

האָבענדיג אָט דעם טיפען באוואוסטזיין, קען ניט זיין קיין אַנדער ענטפער, ווי נאָר ווייטער און ווייטער פאָרצוזעצען אָט די ארבעט, נאָך מיט מער מוט, כח און ענטשלאָסענהייט, אַז מיר דאָ אין אַמעריקא זאָלען זיך נאָך איינגער פאַרבינדען מיט אונזער ארבעטס אוואַנגאַרד אין ארץ־ישראל, אַז מיר זאָלען פרייוויליג און מיט דער גרעסטער שמחה צוטראָגען נאָך און גאָך ציגעל צו דעם וואונדערבאַרען בנין וועלכער בויט זיך פאַר אונזערע אויגען, און דורך אונזער פאַרשטאַרקטער הילף זאָל דער געווערקשאַפטען קאמפיין ווערען נאָך א מעכטיגערער אינסטרומענט אין די הענט פון דער אידישער ארבעטערשאַפט אויף דעם וועג צו דער פאַרווירקליכונג פון אונזערע גרויסע אידעאַלען און חלומות.

זייט געגריסט, חברים און חברות, צו אייער שיינעם יום טוב; און זאָל פראָווידענס און אייער גאַנצער שטאַט ראָוד־איילענד פאַרנעמען דעם זעלבינען חשוב'ן פּלאַץ וועלכען איר האָט אימער פאַרנומען אין אונזער באוועגונג פאַר'ן ארבעטענדען ארץ ישראל.

# דער נאַציאָנאַל־פאָנד.

מיר קאָנען מיט רעכט זאָגען, אַז ענדליך הויבט אָן דער נאַציאָנאַל־פאָנד צו פאַרנעמען דעם פאַרדינטען אָרט און חשיבות אין די אויגען פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער עפענטליכקייט.

ס'איז ביז איצט אויך געווען פאַר אַלעמען קלאָר, אַז אונזיכער וועט זיין אונזער נאַציאָנאַלע היים, אויב דאָס לאַנד וועט זיך ניט געפינען אין אידישע הענט, און דער עיקר אין נאַציאָנאַלען רשות; אָבער ביז איצט איז מען תמיד אָפּגעקומען מיט „פּענים"; מיט „ניקעלס און דאימס" האָט מען געוואָלט יוצא זיין גלות־הארץ.

מיט דעם קומען פון חבר אוסישקין, איז א שטוים געגעבען געוואָרען דער ארבעט, און זי איז אוועקגעשטעלט געוואָרען אויף דער מדרגה וואָס זי האָט פון אָנהויב אָן געדאַרפט פאַרנעמען. פיעלע שטעדט האָבען געשאַפען באדייטענדע סומען ספּעציעל פאַר דעם נאַציאָנאַל־פאָנד; נאָך מעהר וועלען אין גיכען האָבען קאמפּיינס.

די ארבעט ביי אונז אין שטאָדט, קען מען זאָגען, אַז אונטער דער איצטיגער עקאָנאָמישער לאַגע, איז געשאַפען געוואָרען א נישט־קשה'דיגע סומע. ס'ווילט זיך האָפען, אַז דער נייער „נאַציאָנאַל־פאָנד קאַנסול" וואָס האָט זיך געגרינדעט, וועט אָנפירען זיין ארבעט אויף אַזא וועג אַז ס'זאָל דאָס יאָר געשאַפען ווערען א גרעסערע סומע ווי ביז איצט, און דער נאַציאָנאַל־פאָנד זאָל פאַרנעמען דעם פּלאַץ וואָס אַלע אַנדערע קאמפּיינס פאַרנעמען ביי אונז אין שטאָדט.

בן מאיר.

# דער געווערקשאפטן קאמפיין

דער קאמפיין פאר די אידישע ארבעטער אינסטיטוציעס אין ארץ־ישראל וועט זיך אויך היינטיגס יאר אנהייבען מיט דער פייערונג פון דעם דריטען סדר.

דער קאמפיין היינטיגס יאר קומט פאר אין א צייט ווען די עקאנאמישע לאגע אין וועלכער מיר געפינען זיך איז א שווערע; אבער מיר מוזען געדענקען דעם חוב וואס ליגט אויף אונז, און מיר מוזען מיט א דאפעלטער ענערגיע זיך ארייננווארפען אין דער ארבעט.

אונזערע חברים אין ארץ־ישראל שטעהען אויף זייערע פאסטענס מוטיג, מיט א שטארקען ווילען אויסצופירען די ארבעט וואס זיי האבען אנגעהויבען — די בויאונג פון א אידיש היים־לאנד, אויף יסודות פון יושר און סאציאלער גערעכטיגקייט. זיי ווערען ניט ענטמוטיגט פון קיינע אנפאלען און ניט פון קיינע „פאפירען — ווייסע צי שווארצע" — צי זיי קומען פון ענגלאנד, צי פון „רוים".

מיר, חברים בדעה — אויך די וועלכע סימפאטיזירען מיט זייער ארבעט — וועלכע ווייסען און פארשטעהען אפצושאצען זייער גרויסע סאציאלע ארבעט, דארפען אין דעם איצטיגען מאמענט העלפען שטארקען זייער מוטה — פארבינדען זיך מיט זיי גייסטיג, און העלפען זיי דורכפירען דעם שיינעם, ערהאבענעם געדאנקט פון בויען א לאנד פאר דעם גאנצען אידישען פאלק, און שאפען מעגליכקייטען פאר די טויזענטער חלוצים, וועלכע זיינען צושפרייט איבער דער גאנצער וועלט און שטעהען גרייט זיך אנצושליסען אין דער ארמיי פון בויער.

דער נאציאנאלער ארבעטער קאמיטעט רופט יעדען פראגרעסיווען אידען זיך אנצושליסען אין דער ארבעט, און צוזאמען טון די ארבעט וועלכע איז א חוב און אין דער זעלבער צייט א כבוד, און פארזיכערען אז דער קאמפיין זאל געקרוינט ווערען מיט דעם פארדינטען ערפאלג.

---

## די הסתדרות — דער דריטער סדר.

די פייערונג פון דעם דריטען סדר וועט היינטיגס יאר זיין א דאפעלטער יום־טוב. דער דריטער סדר, וועלכער איז געווארען א יערליכער צוזאמענקונפט פון אלע נאציאנאל־סאציאליסטישע עלעמענטען ביי אונז אין שטאדט, וועט היינטיגס יאר אויך זיין די פייערונג פון דעם צען יאריגען יובילעאום פון דער הסתדרות.

די הסתדרות האט באוויזען אין די צען יאר פון איר עקזיסטענץ, אז זי איז די אמת'ע ארבעטער ארגאניזאציע, וועלכע זארגט פאר דעם ארבעטער פון דעם ערשטען טאג וואס עס קומט אין לאנד — סאי פאר דער פיזישער ווי אויך פאר דער גייסטיגער זייט.

די הסתדרות האט געשאפען דעם קופת־חולים, וועלכער פארזארגט דעם ארבעטער מיט מעדיצינישע הילף, ווי האספיטאלס, סאניטאריומס, דיספענסירעס, אפרו־הייזער. אויך האט זי געשאפען א נעץ פון שולען, וואו די ארבעטער קינדער קריגען א מאדערנע אידישע און וועלטליכע ערציהונג. אווענד שולען פאר דערוואקסענע, ביבליאטעקען אין אלע שטעדט, קאלאניעס און קבוצות; ארראנזשירט קולטור פארזאמלונגען, וואו דער אנגעקומענער ארבעטער האט די מעגליכקייט אלעס צו לערנען.

די הסתדרות איז דער אמת'ער פארטרעטער אין זיין טעגליכען לעבען אין אלע פראגען וואס האבען א שייכות צום אויפבויען א היים פאר דעם אידישען פאלק אין ארץ־ישראל.

די פייערונג פון דעם צען יאריגען יובילעאום פון דער הסתדרות איז א כבוד פאר דעם אידישען ארבעטער אין ארץ־ישראל ווי פאר דעם אידישען ארבעטער פון דער גאנצער וועלט און פאר דעם גאנצען אידישען פאלק.

אלטער בוימאן.

---

# צען יאר טאט

(צום צען יאריגען יום טוב פון דער הסתדרות)

פון דוד פינסקי

צען יאר הסתדרות, צען יאר פון ארגאניזירטער אידישער ארבעטערשאפט אין ארץ ישראל, און דאס זיינען געווארען צען יאר ארגאניזירטער ווילען און ארגאניזירטע ענערגיע, צען יאר אומדערמידליכע בויאונג, צען יאר טאט.

צען יאר הסתדרות זיינען צען יאר טרייער, איבערגעגעבענער, ליבפולער בויאונג פון דער אידישער נאציאנאלער היים. די ארבעטער־ארגאניזאציע האט זיך נישט אפגעשיידט פון פאלק, נאר איז געווארען זיין אוואנגארד. דער פיאנער, וועלכער מאכט א וועג פאר די, וועלכע גייען אים נאך.

א סאציאליסטישע ארגאניזאציע, אויפגעוואקסען אויף דער טעאריע פון קלאסענקאמף, האט זי דאך שטענדיק גערעכנט, אז דער ארבעטער קלאס איז א טייל פון זיין פאלק און קאן דערגרייכען זיינע צילען אין די גרעניצען פון זיין פאלק, נאר ווען דאס פאלק פירט א נארמאל לעבען פון א נאציע. דערפאר האט זי זיך נישט ארומגעצווימט, אפגעטיילט, ניט אפגעזאגט זיך פון געמיינזאמער ארבעט מיט דעם אנדער קלאס.

די ארבעטער, וועלכע האבען מיט איר נישט געוואלט גיין אויף דעמדאזיקען שותפות'דיקען פאלקס־וועג, זיינען אין ערגעץ נישט דערגאנגען. זיי זיינען געבליבען טריי דער קלאסען־טעאריע, אבער גאר נישט געטאן, וואס זאל דעם קלאסענקאמף פארהעלפען צו זיין ענדציל; זיי זיינען געבליבען די אומטעטיגסטע, פרוכטלאזעסטע, דערשטיקטע מיט דעם שפייעכטס פון זייערע ווערטער, מיט וועלכע זיי האבען געקעמפט דעם קלאסענקאמף. וואס איז זייער אויפטו אין ארץ ישראל? זיי האבען אפילו קיין איין איינציגע קבוצה נישט אויפגעשטעלט. וואס איז זייער טאט אין חוץ לארץ? שטערונג אויף דעם וועג פון די, וועלכע ווילען העלפען די ארגאניזירטע אידישע ארבעטער אין ארץ ישראל.

זיי האבען נישט געוואלט און ווילען נישט איינזען, אז ארץ ישראל מוז צוערשט ווערען ישראל'ס און אלע כחות, אלע קלאסען פון דעם פאלק מוזען ארבעטען פאר דעם; שותפות'דיג, געמיינזאם, טיילען פון איין ארמיי.

הסתדרות האט עס איינגעזען. פאלק און לאנד זאלען אויפגעבויט ווערען — פריוואטער קאפיטאל איז נויטיק, קאפיטאליסטישע געזעלשאפטען קאנען א סך אויפטאן; קרן היסוד, קרן הימת, אלע פארשיידענע פאנדען, די וועלכע דאס גאנצע פאלק וויל ביישטייערען — אויסגעצייכענט! וואס מערער נאר! מיר, די ארגאניזירטע ארבעטער, אויפגעצויגענע אויף קלאסענקאמף, וועלען אויך העלפען מיט אונזער פראפאגאנדע און אונזערע ביישטייערונגען, און אסור, אויב מיר וועלען זיך דערביי פארטען. מיר וועלען גיין מיט אלעמען, וואס ווילען בויען דאס לאנד, און מיר וועלען זיי דערביי באווייזען, ווי גוט מיר קאנען זיך איינארדענען און איינבויען אויף א סאציאליסטישען שטייגער. מיר וועלען פון קיינעם נישט באהאלטען, אז מיר שטרעבען צו א סאציאליסטישען ענדציל, זאלען נאר צוערשט פאלק און לאנד אויפגעבויט ווערען. . . .

און אזוי זיינען די גרעסטע דערגרייכונגען אין דעם אויפבוי פון ארץ ישראל די דערגרייכונגען פון דער דארטיגער ארגאניזירטער אידישער ארבעטערשאפט. אין אלע אויפטואונגען ליגט די ענערגיע און די זוויטזיכטיגקייט פון דער הסתדרות. און דער עמק, די קבוצות — די סאציאליסטישע אונטערנעמונגען פון דער הסתדרות — זיי זיינען אונזער שטאלץ, אונזער גרעסטע דערלעבונג.

צען יאר הסתדרות זיינען געווארען יארען פון אויפהייבען א פאן פאר די אידישע ארבעטער אומעטום, אט אזוי לעבען זאל אונז ארבעטער אויפ'ן וועג צום גרויסען אידעאל!

צען יאר הסתדרות — די ערשטע צען יאר, ערשט די ערשטע צען יאר!

PETRO
REG. US. PAT. OFF.
DOMESTIC AND INDUSTRIAL OIL BURNERS

PP

NO COAL
NoKol
REG. US. PAT. OFF.
*Automatic Oil Heat*

# *A Complete Oil Heating Service—*

It is our privilege to serve the people of Providence and vicinity in a dual role. As a public service enterprise, we make Petro-NoKol oil burners and supply the low-priced fuel oil that they burn so economically.

## PETROLEUM HEAT & POWER CO.

32 FRANKLIN STREET - - - PROVIDENCE, R. I. - - - Telephone GAspee 9166

*Quality*

*Under the What Cheer label are packed the world's choicest foods*

# WHAT CHEER

## Tempting – FOODS – Delicious

***FRUITS***

Fruit Salad
Mammoth Peaches
Sliced Pineapple
Bartlett Pears

***FISH***

Crab Meat
Tuna Fish
Salmon
Sardines

***VEGETABLES***

Asparagus
Tiny Beets
Golden Bantam Corn
Tiny Peas

JUST TRY THEM

*Guarantee*

*Every What Cheer Food Product is guaranteed to satisfy you*

# פראווידענסער
# פסח בלאט

**ארויסגעגעבען אין די אינטערעסען פון די אידישע ארבייטער אינסטיטוציעס אין ארץ ישראל**



## פסח—זמן חרותנו

פסח איז דער מיוחס צווישען אלע ימים טובים, ווייל ער דערציילט אונז, אז מיר זיינען דאס ערשטע פאלק אין דער מענשליכער געשיכטע וואס האט שקלאפעריי פון זיך אראפגעווארפען — דורך בלוט און פייער געגאנגען, ביז מיר זיינען א פרייע פאלק געווארען.

פסח איז דער סימבאל פון פרייהייט, און ער גיט אונז צו מוט און קוראזש, פארשטארקט דעם ווילען אין אונז נאך אמאל די שקלאפעריי פון זיך אראפצווארפען, און אז אייגענע פרייע היים צו שאפען — מיר זאלען ווערען אונזערע אייגענע בעלי-בתים איבער זיך, און מיר זאלען האבען א מעגליכקייט אן איינען לעבען צו פירען — עקאנאמיש און גייסטיג.

1932

# PROVIDENCE PASSOVER JOURNAL

Issued in the interest of the Jewish Workers' Organizations in Palestine

Vol. VI. Providence, R. I.—1932 Price 10 Cents



The Builder of the Nation!

## The Annual Celebration of the Third Seder
## Sunday Evening, April 24, 1932
## And the beginning of the Campaign for the Jewish Workers' Organizations in Palestine.

# The TIRE That Taught THRIFT To MILLIONS!



## *Extra Values*

### GUM-DIPPED CORDS

The Firestone patented Gum-Dipping process transforms the cotton cords into a strong, tough, sinewy unit. Liquid rubber penetrates every cord and coats every fiber, guarding against internal friction and heat, greatly increasing the strength of the cord body, and giving longer tire life.

### TWO EXTRA CORD PLIES UNDER THE TREAD

This is a patented construction, and the two extra cord plies are so placed that you get 56% stronger bond between tread and cord body, and tests show 26% greater protection against punctures and blowouts. It sets a new standard for tire performance on high speed cars.

### NON-SKID TREAD

Tough, live rubber specially compounded for long, slow wear. Scientifically designed non-skid gives greater traction and safe, quiet performance.

## COMPARE • CONSTRUCTION • QUALITY • PRICE

4.40-21

**$3.52 Each**

WHEN BOUGHT IN PAIRS




**Firestone** COURIER TYPE

| [illegible] | [illegible] | [illegible] | [illegible] |
|---|---|---|---|
| 4.40-21 | $3.65 | [illegible] | $7.04 |
| 4.50-21 | 3.99 | [illegible] | 7.74 |
| Model T Chv. | [illegible] | [illegible] | [illegible] |

**Firestone** SENTINEL TYPE

| [illegible] | [illegible] | [illegible] | [illegible] |
|---|---|---|---|
| 4.40-21 | $3.95 | [illegible] | [illegible] |
| 4.50-21 | 4.37 | [illegible] | 8.48 |
| 4.75-20 | [illegible] | [illegible] | 10.00 |
| 5.00-19 | [illegible] | [illegible] | 10.48 |
| 5.25-21 | 6.43 | [illegible] | [illegible] |

Other Sizes Proportionately Low

Listen to the "VOICE of FIRESTONE" every Monday Night over N. B. C. nationwide network

**Franklin Auto Supply Co.**

184 BROAD STREET

PROVIDENCE, R. I.

**DRIVE IN AND EQUIP YOUR CAR TODAY**